# אָקספֿאָרדער ייִדיש

## II

רעדאַקטאָר

הירשע־דוד קאַץ

האַרוואוד אַקאַדעמישער פֿאַרלאַג
בשותּפֿות מיטן
אָקספֿאָרדער צענטער פֿאַר העכערע העברעאישע שטודיעס

# אָקספֿאָרדער ייִדיש

# II

## 1991

רעדאַקטאָר

**הירשע־דוד קאַץ**

...ליאָטעק פֿון דער משפּחה קאַץ
...רבקה און הירשע־דוד

האַרוואוד אַקאַדעמישער פֿאַרלאַג
קור, לאָנדאָן, פּאַריז, ניו־יאָרק, מעלבורן
בשותּפֿות מיטן
אָקספֿאָרדער צענטער פֿאַר העכערע העברעאישע שטודיעס

# אינהאַלט


בײַ אײַן טיש 1

## געשיכֿטע פֿון ייִדיש

יוסף בר־אל (רמת גן)

טשאַטשקיס, עגנון און די עטימאָלאָגיע פֿון „שיבוש" 3

הירשע־דוד קאַץ (אָקספֿאָרד)

דער סעמיטישער חלק אין ייִדיש: אַ ירושה פֿון קדמונים 17

## פֿאָלקלאָר

יאַסמינקע דאַולינג (אָקספֿאָרד)

איין שיין *מעשה* און די מקורותֿ פֿון ייִדישע פֿאָלקס־מעשיותֿ 97

מאַגדאַלענאַ פּיראָזשינסקאַ (קראָקע)

ייִדישע און פּוילישע שפּריכֿווערטער 117

## מאָדערנע ליטעראַטור

מיכֿל גיא (רמת גן)

זשאַנערישע יסודותֿ בײַ באַשעוויסן 129

מעינקע קאַץ (ניו־יאָרק)

פֿאָרם אין פּאָעזיע און נאַטור 161

## קולטור געשיכֿטע

שמואל הײַלע (לאָנדאָן)

הלכֿהשע אַסמכֿתותֿ פֿאַר אויפֿהיטן ייִדיש בײַ פֿרומע ייִדן 171

לעאָנאַרד פּראַגער (חיפֿה)

דער לאָנדאָנער פֿאַרלעגער מ. יאָזעף 175

קלמן קאַוול (ניו־יאָרק)

סעקס רפֿואות אין אַ פּנקס פֿון 19טן יאָרהונדערט 199

לייזער ראַן (ניו־יאָרק)

„כשרע קאָרטן" פֿון מיטן 19טן יאָרהונדערט 215


## זכרונות


בלומקע כ"ץ (סווינציאַן)

מײַן לערער מאַקס ווײַנרײַך 241

אבֿרהם קאַרפּינאָוויטש (תל אבֿיבֿ)

זכרונות פֿון אַ פֿאַרשניטענער טעאַטער היים 255


## אבֿידות


שלמה בירנבוים 271

י. א. ליסקי 277

דבֿ סדן 283

לייב פֿוקס 287

מעינקע קאַץ 293


## אַנאָנסן


זומער פּראָגראַם 312

ווינטער סימפּאָזיום 312

דאַנק וואָרט 313

# דער סעמיטישער חלק אין ייִדיש

## אַ ירושה פֿון קדמונים

פֿון

הירשע־דוד קאַץ

אָקספֿאָרדער צענטער פֿאַר העכערע העברעאישע שטודיעס
און ס"ט אַנטאָני'ס קאָלעדזש בײַם אָקספֿאָרדער אוניווערסיטעט

### I

### טעקסטן צי ירושה?

די שפראַך פֿון אַ שבט, אַ פֿאָלק, איז אין די מערסטע באַקאַנטע פֿאַלן דערגאַנגען בירושה, יעדער דור לערנט זיך אויס פֿאַרשטיין, ריידן, לייענען, שרײַבן, פֿון פֿריערדיקן דור. אָבער ניט איטלעכע שפראַך (ווער רעדט נאָך איטלעכע שפראַך גאַנצערהייט) איז אַ לינגוויסטיש געירשנטע דורך כסדרדיקער איבערגעבונג פֿון איין דור צום אַנדערן. פֿאַר דער מאָדערנער לינגוויסטיק איז עס אַ קיימא לן אַז שכנותדיקע באַפֿעלקערונגען זײַנען עלול צו האָבן איינע איבער דער אַנדערער שטאַרקע לינגוויסטישע השפעות (זע א. ווײַנרײַך 1953). אַחוץ ירושה און „נעמען בײַ די שכנים" איז פֿאַראַן אַ דריטער פראָצעס וואָס איז בכח אַרײַנצופֿירן בײַ אַ ציבור שפראַכיקן חומר. מ'קען אַרײַננעמען עלעמענטן פֿון קלאַסישע לשונות וואָס קיינער באַנוצט זיך ניט מיט זיי אויף אַדורכצושמועסן זיך, נאָר וואָדען מ'לייענט זיי, מ'שטודירט זיי, מ'נוצט זיי אויף תפֿילה טאָן.

די ערשטע צוויי פראָצעסן, ירושה און די השפעה פֿון שכנים, קען מען אינאײנעם באַטראַכטן ווי דוגמאות פֿון ג ע ר ע ד ט ע  מ ק ו ר ו ת פֿון אַ

שפּראַך, בעת דער דריטער פּראָצעס, דאָס שעפּן פֿון קלאַסישע טעקסטן, איז אַ בײַשפּיל פֿון *געשריבענע מקורות* פֿון אַ שפּראַך. דער צד השווה בײַ די ביידע פּראָצעסן באַשטייט אין דעם וואָס מ'נעמט אַרײַן און מ'פֿאַראייגנט שפּראַכיקן חומר. דער חילוק איז אָבער אַ בולטער, סײַ סאָציאָלאָגיש סײַ לינגוויסטיש. עלעמענטן וואָס זײַנען אַרײַן פֿון גערעדטע מקורות, בפֿרט געירשנטע, זײַנען לינגוויסטיש איבערגעגעבענע: בײַ זיי קומען וויניקער אין באַטראַכט באַוואוסטזיניקע באַמיאונגען אָפּצוקלײַבן און אַרײַנצונעמען אין טאָגטעגלעכן לעבן. דער אַקטיווער כח איז דאָ די גענעטיק פֿון שפּראַך, ניט די סאָציאָלאָגיע פֿון שפּראַך. פֿאַרקערט, בײַם אַרײַננעמען פֿון געשריבענע מקורות, האַנדלט זיך לפּחות אין ערשטן דור אין אַ באַוואוסטזיניקן פּראָצעס. מ'נייטיקט זיך אין ספּעציעלע קולטורעלע באַגריפֿן צי אין טעכנישע טערמינען, אָדער: מ'פֿירט אַריין געשריבענע עלעמענטן מחמת דעם פּרעסטידזש וואָס זיי טראָגן.

ס'טרעפֿט זיך גראַדע אָפֿט אַז דער היסטאָרישער לינגוויסט, בײַם באַטראַכטן אַ געוויסע שפּראַך, שטויסט זיך אָן סײַ אין געירשנטע עלעמענטן (ס'רובֿ) סײַ אין אַרײַנגענומענע פֿון טעקסטן (אַ סך זעלטענער). ער באַנוצט זיך מיט די כלים פֿון דער קאָמפּאַראַטיווער און פֿון דער אינעווייניקסטער רעקאָנסטרוקציע בכדי צו רעקאָנסטרויִרן די לינגוויסטישע געשעענישן פֿון ווײַטן עבֿר. אַזוי אַרום קען ער זיך דערגרונטעווען סײַ צו דער צײַט, ווען בערך אַזאַ און אַזאַ וואָרט איז אַריין אין דער שפּראַך; סײַ צום מקור; סײַ צו דעם, דורך וואָסערע צינורות דאָס וואָרט איז אַרײַן.

אַלע ווייסן אַז אין יידיש איז פֿאַראַן אַ *סעמיטישער* חלק. דעם טערמין *חלק* נוץ איך אין זין פֿון מאַקס ווײַנרײַכס *קאָמפּאָנענט*, ד"ה אויף צו באַצייכענען יענעם טייל יידיש וואָס ווײַזט אַרויס אַ גענעאַלאָגישע קרובֿהשאַפֿט מיטן דאָקומענטירטן לשון קודש און אַראַמיש. די ווערטער אין סעמיטישן חלק קען מען פֿון קיצור וועגן אָנרופֿן *סעמיטיזמען*. סינכראָניש גערעדט איז דער סעמיטישער חלק דורכויס: *יידיש*. דער ערשטער וואָס האָט דאָס אײַנגעזען איז דער גאון און בויער פֿון דער נײַער יידישער פֿילאָלאָגיע, בער באָראָכאָוו: „דײַטשע, העברעאישע, סלאַווישע עלעמענטן, באַלד ווי זיי זײַנען אַרײַן אין דער פֿאָלקס־שפּראַך, הערן אויף צו זײַן דײַטש, העברעאיש, סלאַוויש, — זיי

ווערן אָן זייער פֿריערדיקן פּרצוף און נעמען אָן אַ נײַעם: ווערן י י ד י ש״ (באָראָכֿאָוו 1913א: 9).

פֿון וואַנעט קומט צו ייִדיש, אַ שפּראַך וואָס איז אויפֿגעקומען און האָט זיך אַנטוויקלט אין די טיפֿעניש פֿון אייראָפּע, אַ סעמיטישער חלק? אָפּגעטיילט דורך ווײַטע מרחקים פֿון דער סעמיטישער טעריטאָריע האָט ייִדיש ניט דורכֿגעמאַכֿט קיין תּקופֿה פֿון שכֿנהשאַפֿט מיט וועלכֿן ניט איז סעמיטיש לשון. הייסט דאָס אַז שכֿנהשאַפֿט ווערט מעיקרא אויסגעשלאָסן. בלײַבן בלײַבן אונדז צוויי ברירות: אַרײַנגעמען פֿון טעקסטן איז די ערשטע, לינגוויסטישע ירושה פֿון דער מזרח תּקופֿה איז די צווייטע. אַ טעאָריע וואָס טענהט אַז ייִדיש האָט לכֿתּחילה ניט געהאַט אָדער קוים וואָס געהאַט אַ סעמיטישן חלק, אַז די סעמיטיזמען זײַנען ערשט שפּעטער אַרײַן פֿון די ספֿרים קען מען אָנרופֿן די ט ע ק ס ט ן ־ ט ע אָ ר י ע. אַ טעאָריע וואָס האַלט פֿאַרקערט אַז ווייניק איז אַרײַן פֿון טעקסטן, אַז ייִדיש האָט לכֿתּחילה געהאַט אין זיך דעם סעמיטישן חלק וואָס מען האָט איבערגעגעבן פֿון דור צו דור ניט איבערגעריסענערהייט, קען מען אָנרופֿן די י ר ו ש ה ־ ט ע אָ ר י ע. דער ציל דאָ איז: אַרײַנפֿירן די ירושה־טעאָריע אין דער ייִדישער פֿילאָלאָגיע. בשעת מעשה דאַרף מען זיך אַרײַנקלערן אין די מעטאָדן וואָס קענען צוניץ קומען און די מעגלעכֿקײַטן וואָס זײַנען פֿאַראַן אויף צו פֿאַרענטפֿערן די קשיא, פֿון וואַנעט קומט עס צו ייִדיש אַ סעמיטישער חלק.

## II

## די סטאַנדאַרדע טעאָריע

די טעקסטן־טעאָריע געוועלטיקט אין דער ייִדישער שפּראַך־פֿאָרשונג, זי איז די סטאַנדאַרדע טעאָריע. איר איז נאַטירלעך אַז די התחלות פֿונעם סעמיטישן חלק דאַרף מען ניט זוכֿן מיט די כּלים פֿון דער היסטאָרישער לינגוויסטיק וואָס מ'נוצט אַז מ'זוכֿט אַשטייגער די מקורות פֿון די גערמאַנישע און סלאַווישע טיילן פֿון ייִדיש. מ'קען דאָ ניט פּרעזענטירן קיין אויסשעפּיקע רשימה פֿון די אַלע אָנהענגער פֿון דער טעקסטן־טעאָריע אין דער נײַער צײַט, דאָס וואָלט געהייסן כּמעט אַלע

געלערנטע וואָס האָבן זיך מיט דער פֿראַגע אָפּגעגעבן. לאָמיר זיך באַנוגענען מיט עטלעכע ציטאַטן פֿון גרעסטן היסטאָריקער פֿון דער ייִדישער שפּראַך, מאַקס ווײַנרײַך. דער גערמאַנישער חלק, ווײַזט ער אָן, איז אַרײַן „ניט פֿון ליטעראַטור און ניט פֿון גראַמאַטיקעס, נאָר פֿון זייערע לעבעדיקע שכנים" (מ. ווײַנרײַך 1928א: 20). דעם סלאַווישן חלק „האָט ייִדיש צו פֿאַרדאַנקען דער שכנהשאַפֿט מיט סלאַווישע פֿעלקער" (מ. ווײַנרײַך 1973: I, 251). וויבאַלד ס'גייט אָבער די רייד וועגן סעמיטישן חלק איז אַראָפּ פֿון מאַרק, די סטאַנדאַרדע טעאָריע גייט מיט גאָר אַן אַנדער גאַנג. ערשטנס, מכּח דער עצם עקזיסטענץ פֿונעם סעמיטישן חלק: אַחוץ אַ געוויסער רעליגיעזער טערמינאָלאָגיע וואָס אַלע זײַנען מודה אַז די איז פֿון סאַמע אָנהייב געווען, איז דער סעמיטישער חלק אַן „אינקאָרפּאָרירונג" (מ. ווײַנרײַך 1928א: 20). צווייטנס, מכּח די מקורות פֿונעם סעמיטישן חלק: „פֿון די ספֿרים האָבן געשטראָמט אין דער שפּראַך אַרײַן ווערטער, פֿראַזעס, ווערטלעך, שפּריכווערטער פֿון די פֿאַרשיידנסטע תּחומען פֿון לעבן" (מ. ווײַנרײַך 1973: I, 222). לעצטנס, מכּח דעם לינגוויסטישן מעכאַניזם דורך וועלכן דער סעמיטישער חלק איז אַרײַן: „ניט פֿון מויל צו אויער, נאָר דורכן ספֿר אָדער דורך ציטאַטן פֿון ספֿר" (1973: II, 264).

ניט גענוג וואָס מ'נעמט אָן פֿאַר אַן אמת ניט אָפּצופֿרעגן אַז די מקורות פֿונעם סעמיטישן חלק דאַרף מען זוכן אין ספֿרים, מ'סטאַרעט זיך נאָך אויסזוכן דעם ג ע נ ו י ע ן  פּ ס ו ק פֿון וועלכן דער אָדער יענער סעמיטיזם איז אין ייִדיש אַרײַן. באָראָכאָוו אַשטייגער לויבט פּיראָזשניקאָווס ווערטערבוך דערפֿאַר וואָס „בײַ די אויסדרוקן ווערט אָנגעוויזן די  ש ט ע ל ע  אין תּנ"ך אָדער תּלמוד, פֿון וואַנען זיי שטאַמען" (באָראָכאָוו 1913א: נ' 341). די טענה אַז מ'קען געוואָר ווערן אַפֿילו די גענויע פּסוקים פֿון וועלכע ס'שטאַמען ייִדישע ווערטער געפֿינט מען אויך בײַ גאָלאָמבן אין דער הקדמה צו זײַן ווערטערבוך (גאָלאָמב 1910: 8). אויף ווי ווײַט מ'ברענגט מראה־מקומות פֿון אילוסטראַציע וועגן איז מהיכא תיתי. אַז מ'ברענגט אָבער ציטאַטן טראַכטנדיק אַז אָט האָט מען אַנטדעקט דעם בפּירושדיקן  ל י נ ג ו ו י ס ט י ש ן  אָ פּ ש ט אַ ם  פֿון וואָרט, דעמאָלט ווערט שוין די היסטאָרישע לינגוויסטיק פֿאַרוואַנדלט אין ביבליאָגראַפֿיע. דאָ רעדט זיך ניט וועגן *ברחל בתך הקטנה* נאָר וועגן די טויזנטער טאָגטעגלעכע ווערטער אינעם

סעמיטישן חלק. די טעקסטן־טעאָריע גיט אונדז צו וויסן אַשטייגער אַז *בקרוב* האָט ייִדיש פֿון יחזקאל י״א: ג׳, *ברוגז* פֿון חבֿקוק ג׳: ב׳, *ברית* פֿון בראשית י״ז: י׳ (מ. ווײַנרײַך 1973: I, 227; III, 233). מער אָפּגעהיט איז דער צוגאַנג פֿון *גרויסן ווערטערבוך* וואו די רעדאַקטאָרן ווײַזן אָן אַז ציטאַטן ברענגט מען בײַ די סעמיטיזמען אויף צו אילוסטרירן „אַ כאַראַקטעריסטישע שטעל אין תנ״ך אָדער תלמוד, וואָס האָט געקאָנט זײַן די סיבה אָדער דער שטויס אַז דאָס וואָרט אָדער דער אויסדרוק זאָלן אַרײַן אין ייִדיש״ (יאָפֿע און מארק 1961: כ). מיט דער באַוואָרעניש אַז מ׳דאַרף די סטאַטיסטיק פֿאַרפֿײַנערן איז אָבער ווײַנרײַך גרייט אָנצווײַזן אַז ייִדיש האָט „פֿון ספֿר בראשית 39 אייגנס, פֿון שמות 28, פֿון ויקרא 11, פֿון במדבר 5, פֿון דבֿרים 12״ (מ. ווײַנרײַך 1973: III, 234).

די סטאַנדאַרדע טעאָריע איז ניט געבאָרן געוואָרן נעכטן און ניט אייערנעכטן. זי איז היסטאָריש געגרעדט אַ פּראָדוקט פֿון דער קריסטלעכער ייִדיש־פֿאָרשונג פֿון זעכצנטן יאָרהונדערט. די יסודותדיקע הנחה איז געווען אַז די סעמיטיזמען זײַנען צו דער שפּראַך פֿון די ייִדן דערגאַנגען אויפֿן זעלביקן אופֿן ווי לאַטייניש ווערטער זײַנען אַרײַן אין דער דײַטשישער קאַנצעלאַריע שפּראַך. פֿון אָט אָ דער באַאיוועער גזירה שווה איז שוין געוואָרן אַ בײַפֿראַגע, וואָס זײַנען געווען די ג ו ר מ י ם מ׳זאָל די סעמיטיזמען אַרײַננעמען אין דער געגרעדטער שפּראַך?

שאַדעאוס שרײַבט אַז די סעמיטיזמען זײַנען בנמצא אויף ייִדיש „אַזוי ווי ס׳טרעפֿט זיך מיט לאַטייניש אָדער פֿראַנצייזישע ווערטער אין די דײַטשישע קאַנצעלאַריעס [...] די ייִדן טוען דאָס טיילווײַז צוליב געוואוינהײַט טיילווײַז די קריסטן זאָלן ניט פֿאַרשטיין״ (שאַדעאוס 1592: [140-141]). בוקסטאָרף אין זײַן *סינאַגאַגאַ יודאַאיקאַ* גיט אָן די סיבה אַז ייִדן ווילן ניט מ׳זאָל זיי פֿאַרשטיין (בוקסטאָרף 1603: 152). אין זײַן *טעזוירוס* גיט ער צו נאָך אַ סיבה: די סעמיטיזמען זײַנען אַ מיטל דורך וועלכן די ייִדן לערנען מיט די קינדער לשון קודש (בוקסטאָרף 1609: 657). נאָך שאַדעאוסן און בוקסטאָרפֿן האָט זיך שוין אײַנגעפֿונדעוועט אין דער קריסטלעכער ייִדיש־פֿאָרשונג דער באַגריף „באַוואוסטזיניקע אינקאָרפּאָרירונג פֿון סעמיטיזמען אין ייִדיש״. די זעלביקע אָדער ענלעכע פֿאָרמולירונגען געפֿינט מען בײַ זענערטן (1666: 64-65) און בײַ האַזעלבאַוערן (1742: 241). קרייזאַנדער איז אַוועק פֿון די סטאַנדאַרדע

קריסטלעכע באַשרײַבונגען פֿון יידיש און זײַן גראַמאַטיק בויט זיך דער עיקר אויף אייגענער אַרבעט. ער שטעלט אַוועק דרײַ מאָטיוון מחמת וועלכע די יידן פֿירן אַרײַן סעמיטיזמען אין יידיש: ערשטנס, צוליב ליבע צו דער העברעאישער שפּראַך; צווייטנס, צוליב אַ נטיה צו אויסערגעוויינטלעכע דרכים; לעצטנס, כּדי קריסטן זאָלן זיי וואָס ווייניקער פֿאַרשטיין (קריזאַנדער 1750: 3). ס'קען גרײַלעך זײַן אַז דעם אײַנפֿאַל אַז דער סעמיטישער חלק איז אַרײַן דווקא פֿון  ט ע ק ס ט ן  האָט אַרײַנגעפֿירט אין דער יידישער שפּראַך־פֿאָרשונג שודט. ער האָט געגעבן אָנצוהערעניש אַז די יידן מישן אַרײַן העברעאישע ווערטער וואָס זיי האָבן זיך יונגערהייט געלערנט פֿון „אַ פּסוק אָדער טעקסט פֿונעם חומש" (שודט 1714: II, 281). ניט קוקנדיק אויף שודטס טאָלאַנטלאָזיקײַט און יודאָפֿאָביע איז ער דער אייגנטלעכער פֿאָטער פֿון דער טעקסטן־טעאָריע. דער אַלגעמיינער באַגריף פֿון „אינקאָרפּאָרירונג" איז שוין פֿון לאַנג געווען, שודט האָט אים אָבער ספּעציפֿיצירט. די תּוך־זאַך פֿון שודטס טעאָריע, די הנחה אַז פֿון די טעקסטן זײַנען אַרײַן די סעמיטיזמען אין יידיש, געוועלטיקט ביזן הײַנטיקן טאָג אין אונדזער וויסנשאַפֿט, זי איז אָנגענומען בײַ אונדזערע בעסטע פֿילאָלאָגן.

## III

## חשיבֿות פֿאַר דער געשיכטע פֿון יידיש

די מחלוקת איבערן מקור פֿונעם סעמיטישן חלק איז אַ העכסט אינטערעסאַנטע סײַ פֿאַר זיך סײַ פֿאַר דער אַלגעמיינער היסטאָרישער לינגוויסטיק. דערצו איז דער ענין שייך צו דער פֿראַגע איבערן  ע ל ט ע ר  פֿון יידיש, אַ צענטראַלע פֿראַגע אין דער געשיכטע פֿון יידיש. דער מהות און די זעלבשטענדיקײַט פֿון יידיש זײַנען פֿאַרשטייט זיך ניט אָפּהענגיק בלויז אינעם סעמיטישן חלק. און דאָך: דאָס פֿאַראַן זײַן פֿונעם סעמיטישן חלק אין וועלכער ניט איז תּקופֿה איז פֿאָרט אַ קלאָרער סימן אַז יידיש האָט אין יענער צײַט שוין עקזיסטירט. דערצו איז שווער זיך פֿאָרצושטעלן יידיש  אָ ן  אַ סעמיטישן חלק. הייסן הייסט דאָס אַז די טעקסטן־טעאָריע האַלט במילא פֿון אַ רעלאַטיוו ייִנגערן

עלטער פֿון ייִדיש בעתּ די ירושה־טעאָריע האַלט במילא פֿון אַ רעלאַטיוו העכֿערן עלטער פֿון דער שפּראַך.

די פּלוגתּא איבערן עלטער פֿון ייִדיש איז ניט קיין נײַע. אָנגעהויבן האָט זי זיך, אויב איך בין זיך ניט טועה, מיט אַוועַ־לאַלעמאַנס ענטפֿער צונצן. צונץ האָט כּידוע געטענהט אַז אַשכּנזישע ייִדן האָבן אַמאָליקע צײַטן גערעדט דײַטש (צונץ 1832: 438). אַוועַ־לאַלעמאַן ענטפֿערט אים אָפּ אַז די מסקנא זײַנע איז אין תּוך אַרײַן אַ סתּירה לגבי צונצעס אייגענע אָבזערוואַציעס מכּח דעם צוזאַמענוואוקס פֿון די פֿאַרשידענע עלעמענטן פֿון ייִדיש (אַוועַ־לאַלעמאַן 1858-1862: III, 204-207). פֿון אָט דעם טיפֿן צוזאַמענוואוקס, האַלט אַוועַ־לאַלעמאַן, איז צו דרינגען די אַלטקײַט פֿון ייִדיש. צונץ האָט געבראַכֿט דוגמאותּ פֿון דײַטשישע גלאָסן געשריבענע אינעם ייִדישן אלף־בית בײַ אַמאָליקע אַשכּנזישע רבנים ווי אַ ראיה אַז זיי האָבן גערעדט דײַטש. ענטפֿערט אים אַוועַ־לאַלעמאַן אַז דער פֿאַקט וואָס ס׳האָבן זיך אויפֿגעהיט דײַטשישע גלאָסן געשריבענע אינעם ייִדישן אלף־בית איז אַ ראיה אַז אָט די רבנים האָבן געשריבן דײַטשישע ווערטער מיטן ייִדישן אלף־בית; צו דער עצם עקזיסטענץ פֿון ייִדיש ווי אַ גערעדטע שפּראַך אין יענער צײַט האָט עס קיין שײַכֿותּ ניט. אַוועַ־לאַלעמאַן ברענגט אויך אויף אַ ראיה ווערטער וואָס שטאַמען פֿון ייִדיש, דער עיקר סעמיטיזמען, אין דער אַלט־דײַטשישער גנבֿים־שפּראַך. ער דערמאָנט אויך אַרכֿעאישע גערמאַנישע ווערטער וואָס ווערן אויפֿגעהיט אין ייִדיש און וואָס דײַטש האָט שוין פֿון לאַנג אָנגעוואָרן (אַ רשימה מיט אַזעלכֿע ווערטער האָט שפּעטער צונויפֿגעשטעלט גרצאָן, 1902: 83-129). די ראיה וואָס איז אָבער אַמערסטן מכֿריע פֿאַר אַוועַ־לאַלעמאַנען אַז ייִדיש הייבט זיך אָן מיט דער באַזעצונג פֿון ייִדן אויף דער גערמאַנישער טעריטאָריע איז די לינגוויסטישע סטרוקטור פֿון ייִדיש, בפֿרט דער ייִדישער וואָקאַליזם. די ספּעציפֿישע דוגמאותּ וואָס אַוועַ־לאַלעמאַן ברענגט צו די אַלע ראיותּ זײַנע זײַנען כּמעט אָן אויסנאַם שוואַך און ניט איבערצײַגנדיק. די פֿאַלעאָנטאָלאָגישע מעטאָדן וואָס ער ווענדט אָן זײַנען אָבער אַלע לעגיטים ביזן הײַנטיקן טאָג. זיי זײַנען אויך אַ סימן פֿון אַ באמתּ גרויסן פֿאָרשער מיט אמתּע פֿאַרדינסטן פֿאַר דער ייִדישער פֿילאָלאָגיע.

אַן אָפּקלאַנג פֿון דעם וויכּוח צווישן צונצן און אַוועַ־לאַלעמאַנען געפֿינט מען אין נחום שטיפֿס רעצענזיע איבער פּינעסן (שטיף 1913: 317-321; פּינעס 1911:

10-3); און ווײַטער בײַ שטיפֿן אין זײַן קריטיק איבער גידעמאַנען (שטיף 1922: 184, 189, 191, 192). אונטער אַ קאָנקרעטער פּאָליטישער השפּעה האָט שטיף שפּעטער צוגעגאַנגען אָנגענומען גידעמאַנס שטעלונג בהסכּם מיט צונצן, ניט לגבי יידיש בכלל נאָר וואָס שייך אַ שפּעטן אַרײַנקום פֿון סעמיטישן חלק (שטיף 1929: 16-13). די סאָוועטישע ליניע האָט דערפֿירט צו דער משונהדיקער שטעלונג אַז יידיש איז דווקא אַלט בעת דער סעמיטישער חלק וואָס אין יידיש איז דווקא יונג.

דער שפּעטערדיקער שטיף האָט געהאַט דעם זעלביקן מעטאָדאָלאָגישן טעות בײַ וועלכן דער פֿריערדיקער שטיף האָט געכאַפּט גידעמאַנען: דאָס אָננעמען די אַלט־יידישע געשריבענע שפּראַך פֿאַר דער גערעדטער שפּראַך פֿון יענער צײַט. געענטפֿערט שטיפֿן האָט מאַקס ווײַנרײַך (1931: 198-200).

יצחק שיפּער האָט געפּרוּווט באַווײַזן אַ הויכן עלטער פֿון יידיש דורך דער לינגוויסטישער אינטערפּרעטאַציע פֿון אַמאָליקע נעמען (שיפּער 1924). שפּעטער האָט ער אַטאַקירט גידעמאַנען, בערלינערן און פֿאַלקן אין שײַכות מיט זייערע מיינונגען איבערן אורשפּרונג פֿון יידיש (שיפּער 1933). די לינגוויסטישע ראַיות זײַנע האָבן ווייניק האַפּט, ווי מ׳זעט אגבֿ קלאָר פֿון נח פּרילוצקיס הערות אונטערן טעקסט (זע אויך קלמנאָוויטשעס רעצענזיע, 1937: 384). דערפֿאַר אָבער ברענגט שיפּער אַרײַן אַ גוואַלדיק וויכטיקן מעטאָד אין דער פֿאָרשונג פֿונעם עלטסטן יידיש: די סאָציאָלאָגישע אַרײַנקלערונג. אָט דער מעטאָד איז אין פּרינציפּ ניט מסוגל צו אַנטפּלעקן אָן ספֿקות די לינגוויסטישע פֿאַרהעלטענישן פֿונעם ווײַטן אַמאָל. די סאָציאָלאָגישע אַרײַנקלערונג איז אָבער יאָ בכּוח צו פֿאַרשאַרפֿן דעם קריטישן חוש בײַם אַנאַליזירן פֿאַרשידענע נוסחאָות פֿון אַ געשריבענער שפּראַך. שיפּער לייגט פֿאָר אַז יחידים אינטעליגענטן האָבן אפֿשר גערעדט דײַטש אין דער אַלט־יידישער תּקופֿה, זיכער ניט די גאַנצע אינטעליגענץ און דאָס פֿאָלק אוודאי ניט (שיפּער 1933: 83). מ׳קען זיך אפֿשר טשעפּענען צום אַנאַכראָניסטישן באַנוץ פֿון אַזאַ באַגריף ווי „אינטעליגענץ", דאָס איז אָבער אַן אַנדער פּרשה.

די מחלוקת האָט זיך באַנײַט צווישן נתן זיסקינד און מאַקס ווײַנרײַך. זיסקינד (1953), אַטאַקירנדיק ווײַנרײַכס פּעריאָדיזירונג פֿון דער געשיכטע פֿון יידיש (1940א: 30), שטעלט זיך אײַן פֿאַר אַ ייִנגערן עלטער פֿון יידיש, האַלטנדיק מיט פֿישערן (1936: 39-40 = בן־נון 1973: 39-40). אין זײַן ענטפֿער

דיסקינדן, שטעלט ווײַנרײַך אַוועק אַ טעאָריע וואָס דערמאָנט אין אַוועק־לאַלעמאַנס ענטפֿער צונצן מיט הונדערט יאָר פֿריער: „די מעשה בראשית פֿון דער שמעלץ־שפּראַך איז איינס מיט דער מעשה בראשית פֿון דעם אַשכּנזישן קיבוץ אין לותיר" (מ. ווײַנרײַך 1954-1955: 13). פֿונדאָסנײַ איז די טעמע געקומען צו רייד אין דער דיסקוסיע צווישן מאַרשאַנען און ווײַנרײַכן איבערן לשון פֿונעם קיימברידזשער קאָדעקס פֿון 1382 (מאַרשאַן 1959; מ. ווײַנרײַך 1960א). אָט די דיסקוסיע איז גלײַכער צו באַהאַנדלען בײַם באַטראַכטן די אַלט־יידישע ליטעראַרישע שפּראַך (IV§). ס'איז אַ ביסל פּאַראַדאָקסאַל וואָס מאַקס ווײַנרײַך, דער שטאַרקסטער אָנהענגער פֿון אַ הויכן עלטער פֿון יידיש איז אין דער זעלביקער צײַט איינער פֿון די שטאַרקסטע אָנהענגער פֿון דער טעקסטן־טעאָריע. טעאָרעטיש באַנומען איז עס פֿאָרט ניט קיין סתירה: די טעקסטן־טעאָריע איז נאָר מרמז אויף אַ יינגערן עלטער פֿון יידיש. די ירושה־טעאָריע איז אָבער מחייב אַ הויכן עלטער פֿון דער שפּראַך (זע אונטן, X§). אויב דער סעמיטישער חלק איז אַ לינגוויסטיש איבערגעגעבענער פֿון דער מזרח תקופֿה איז יידיש אָן קיין שום ספֿק געבאָרן געוואָרן אינאיינעם מיטן יידישן ישוב אין אַשכּנז בײַ דער קאָנפֿראָנטירונג מיטן גערמאַנישן חלק. אין אַ געוויסן זין דריבער, איז די ירושה־טעאָריע מער ווײַנרײַך איידער ווײַנרײַך אַליין.

## IV
## ראיות פֿון כּתבֿים

ס'קען זיך דאַכטן אַז לויטן שׂכל דאַרף מען נעמען זוכן דעם אָנהייב פֿון סעמיטישן חלק אין יידישע כּתבֿים פֿון אַמאָל וואָס זײַנען צו אונדז דערגאַנגען. אפֿשר קען מען אויף אַזאַ אופֿן אויספּרוּוון די פֿאַרשײדענע טעאָריעס. די מעשה איז אָבער וואָס די נײַע יידישע פֿילאָלאָגיע האָט אויפֿגעוויזן אַז די אַלט־יידישע ליטעראַרישע שפּראַך איז אַן עקסטרעם סטיליזירטע. די איז בפֿירוש אַ געקינצלטע שפּראַך וואָס מאַכט נאָך פֿאַרשידענע נוסחאות פֿון דעמאָלטיקן ליטעראַרישן דײַטש, זי הייבט ניט אָן אָפּצושפּיגלען דעם לעבעדיקן יידיש פֿונעם ווײַטערן עבֿר. בער

באָראָכֿאָוו האָט עס אַזוי פֿאָרמולירט: „ווילן מיר אָבער פֿאָרט באַקומען אַ באַגריף פֿון דער יידישער אומגאַנגס־שפּראַך אין יענער צײַט, גיט אונדז די הערשנדיקע ליטעראַטור קיין שום אויסקונפֿט ניט" (באָראָכֿאָוו 1913ד: 354). זלמן רייזען קומט צו דער זעלביקער מסקנא, דהײַנו אַז דאָס איז אַ „פֿאַרגליווערטע יידישע ביכער־שפּראַך, וואָס האָט געמוזט שטאַרק אָפּווײַכן פֿון דעם לעבעדיקן גערעדטן יידיש" (1920: 26). אַזוי אויך שולמאַן (1898: 44), עריק (1928: 85, 337), צינבערג (1928: 82; 1935: 26), שיפּער (1933: 83), פֿישער (1936: 40 = בן־נון 1973: 40), און מאַרק (1967: 126-127). אין דער נקודה זײַנען צווישן די לינגוויסטן און די ליטעראַטור היסטאָריקער קיין חילוקי דעות ניטאָ.

אַריבערגייענדיק פֿון אָט דעם ברייטן אויספֿיר אויף מער ספּעציפֿישע שטריכן פֿון דער סטיליזאַציע איז פֿאַר דער נײַער יידישער פֿילאָלאָגיע קלאָר געוואָרן אַז סעמיטיזמען זײַנען סיסטעמאַטיש אויסגעשלאָסן געוואָרן פֿונעם געשריבענעם לשון. „מען האָט זיך געהיט מיט אַלע כּוחות", שרײַבט ווײַנרײַך, „פֿון העברעאיזמען אינעם ווערטער־אוצר" (מ. ווײַנרײַך 1940א: 41; זע אויך 1973: III, 26). דער ענין האָט פֿונדאָסנײַ אָנגענומען אַ געוויסן אויבנאָן אין שײַכות מיטן אלף־בית אַקראָסטיך פֿונעם *יוסף הצדיק* ליד אינעם קיימברידזשער קאָדעקס. ס'איז באַקאַנט אַז מ'האָט אינעם געשריבענעם יידיש פֿון יענער צײַט ניט גענוצט די אותיות כּף, סמך און תּו אין גערמאַניש שטאַמיקע ווערטער. אין אַן אלף־בית אַקראָסטיך ריכט מען זיך אַז סעמיטיזמען וועט מען פֿאָרט אַרײַנלאָזן אויף צו מאַכן אַ גאַנצן אלף־בית. ס'איז אָבער אַ נעכֿטיקער טאָג. שמערוק ווײַזט אויף אַז מ'האָט עובֿר געווען אויף די אָרטאָגראַפֿישע רגילותן וועלכע ווערן אויסער דעם אַקראָסטיך שטרענג אָפּגעהיט אין גאַנצן כּתבֿ־יד (שמערוק 1977: 75-76). דרײַ גערמאַניזמען וואָס שרײַבן זיך מיט קוף, שין און טית באַווײַזן זיך פֿאַרגרײַזט מיט כּף, סמך און תּו אויף צו מאַכן גאַנץ דעם אלף־בית, אַבי ניט אַרײַנלאָזן איבער דער שוועל קיין סעמיטיזם. אינעם נוסח פֿונעם יידישן *אלמעכטיגר גוט* ('אַלמעכֿטיקער גאָט') וואָס געפֿינט זיך אין דער פּראָגער הגדה פֿון 1526 האָט זיך שוין אַרײַנגעכאַפּט אַ סעמיטיזם בײַם אות חית, וועלכן מ'האָט אויך דעמאָלט ניט באַנוצט בײַ גערמאַניזמען. דערפֿאַר אָבער לאָזט מען אינגאַנצן אויס דעם סמך (זע שמערוק 1975: 178-179, 209-212).

מ'דאַרף זיך קלאָר מאַכן אַז אין דער אַלט־יידישער ליטעראַטור איז די כּוונה

ניט געווען דווקא צו פֿאַרשטאַרקן דעם גערמאַנישן חלק אין ייִדיש אויפֿן חשבון פֿון סעמיטישן. בדרך כלל זײַנען די ווערק פֿון דער אַלט־ייִדישער ליטעראַטור ביז גאָר ווײַט אַפֿילו פֿונעם גערמאַנישן חלק פֿונעם דעמאָלטיקן ייִדיש; די ריכֿטונג פֿון דער סטיליזאַציע קען מען מיט איין וואָרט אָנרופֿן: ד ײַ ט ש מ ע ר י ש. דער הויכֿער עלטער פֿון אָט דעם לינגוויסטישן און סאָציאָלאָגישן פֿענאָמען וואָס רופֿט זיך „דײַטשמעריש" ווערט קלאָר פֿון דעם וואָס די אַלטע קריסטלעכֿע ייִדיש־פֿאָרשונג האָט זיך שוין אָפּגעשטעלט דערויף. בוקסטאָרף האָט באַמערקט אַז די ייִדן מיט אַ ביסל מער דערציאונג באַמיִען זיך צוצופּאַסן זיך צו דער דײַטשישער שפּראַך (בוקסטאָרף 1609: 652). וואַגענזײַל דערמאָנט אַז דער ייִדישער פּרעפֿיקס דער- ווערט אין „נײַערע ביכֿער" פֿאַרביטן אויף ער- (וואַגענזײַל 1699: 87).

סעמיטיזמען אין טעכֿנישן לינגוויסטישן זין — ווערטער און פֿאָרמען אינעם סעמיטישן חלק אין י י ד י ש — זײַנען עלול מ'זאָל זיי פּלאָנטערן מיט סתּם העברעאישע ווערטער וואָס עמעצער קען אַרײַנמישן אין ייִדיש. אין אליה בחורס תּהלים איבערזעצונג (1545) זײַנען פֿאַראַן אַ ריי העברעאישע ווערטער ווי למשל *גהינם*, *יצר הרע*, *מלאך*, *תּורה*, *תּפֿילה* וכדומה. ניט געקוקט אויף דעם וואָס די „זעלביקע ווערטער" קענען אויך געהערן דעם סעמיטישן חלק אין ייִדיש, מוז מען זיי אין אליה בחורס תּהלים איבערזעצונג באַנעמען סינכֿראָניש ווי אַרײַנגעמישטע העברעאישע ווערטער. פֿאַרוואָס? צוליב די סעמאַנטישע און סטרוקטורעלע באַגרענעצונגען וואָס זײַנען אויף זיי חל. דאָס זײַנען אַלע ווערטער אויף רעליגיעזע באַגריפֿן וואָס בײַ די גערמאַנישע עקוויוואַלענטן זייערע וואָלט זיך דער מחבר אָנגעשטויסן אין אַ טעאָלאָגישן פּגם. אָט די סעמאַנטישע באַגרענעצונג באַוויַזט זיך בבֿת אחתֿ מיט אַ גאַנץ שטרענגער סטרוקטורעלער באַגרענעצונג: די העברעאישע ווערטער זײַנען כּמעט דורכֿויס ס ו ב ס ט אַ נ ט י ו ו ן. צי זאָל מען פֿון אָט דער העכֿסט סטיליזירטער געשריבענער שפּראַך אָפּלערנען די סטרוקטור פֿונעם דעמאָלטיקן ייִדיש? לא מיט אַן אלף. גענוג צו דערמאָנען אַז אין דער הקדמה און אין סוף־וואָרט וואָס געהערן דעם אַרויסגעבער קאָרנעליוס אַדלקינדן זײַנען די ביידע באַגרענעצונגען ניט בנמצא. פֿאַראַן בײַ אַדלקינדן אַזעלכֿע טאָגטעגלעכֿע ווערטער ווי *בחורותֿ*, *בעלי בתּים*, *שמועותֿ*; דער אַדווערב *בשותּפֿותֿ*, דער ווערב *גיחתֿמת* ('געחתֿמעט'). אָט זעען מיר פֿאַר די אויגן צוויי

לחלוטין פֿאַרשידענע נוסחאות אין איין און דעם זעלביקן יאָר, אין איין און דעם זעלביקן בוך. אליה בחורס תהלים איבערזעצונג וואָס שטייט אויף אַ הויכן ליטעראַרישן ניוואָ איז אַ סטיליזאַציע. די געצײַלטע אומליטעראַרישע שורות פֿון אַדלקינדן (וואָס אפֿשר האָט זיי אליה בחור אַליין געשריבן) זײַנען אָבער: יידיש. איינער פֿון די סימנים דערפֿון איז דאָס נאָרמאַלע באַווײַזן זיך פֿונעם סעמיטישן חלק. דעם יידישן ליטעראַטור היסטאָריקער טראָגט די איבערזעצונג גופֿא אָן אַ שיעור אַ גרעסערע חשיבֿות איידער די הקדמה מיטן סוף־וואָרט; דעם יידישן לינגוויסט איז אָבער דער עצם קאָנטראַסט צווישן די ביידע שפּראַכן דער עיקר.

אינעם טאַראַראַם איבערן לשון פֿונעם קיימברידזשער קאָדעקס, טענהט מאַרשאַן (1959: 385-391), בתורת ענטפֿער פֿוקסן (1957: xxix-xxvi), אַז ס'איז דײַטש. מאַקס ווײַנרײַך (1960א) האַלט אָבער אײַנאיינעם מיט פֿוקסן, טענהנדיק בתורת ענטפֿער מאַרשאַנען אַז דאָס לשון פֿונעם קאָדעקס איז יידיש. אַזוי האַלט אויך שלמה בירנבוים (1961: 19-21). ווער ס'איז באַהאַוונט אין די מיינונגען פֿון מאַרשאַנען (1965: 251) און פֿון ווײַנרײַכן (1940א: 30) איבערן עלטער פֿון יידיש, קען דאָ אַרײַנפֿאַלן אין אַ שטיקל טעות. אַז מ'האַלט אײַנאיינעם מיט ווײַנרײַכן אַז די שפּראַך פֿונעם קאָדעקס איז יידיש, האַלט מען במילא מיט ווײַנרײַכן אַז יידיש איז דעמאָלט געווען, פֿאַרקערט קען מען אָבער ניט דרינגען: האַלט מען אײַנאיינעם מיט מאַרשאַנען אַז די שפּראַך פֿונעם קאָדעקס איז דײַטש, איז דערפֿון געדרונגען — אַז די שפּראַך פֿונעם קאָדעקס איז דײַטש, און מער ניט. מיר איז קלאָר אַז יידיש איז דאָס זיכער נ י ט כּאָטש סײַ יידיש סײַ דער סעמיטישער חלק זײַנער זײַנען דעמאָלט געווען ב"ה בנמצא. די פֿראַגע צי איז די שפּראַך פֿונעם קיימברידזשער קאָדעקס, פֿון אליה בחורס תהלים איבערזעצונג, פֿון כמעט אַ ל ע ווערק פֿון דער אַלט־יידישער ליטעראַטור אַ פֿאַריידישטער דײַטש צי אַ פֿאַרדײַטשטער יידיש, אָט די פֿראַגע איז געווענדט אַ סך מער אין דער פּערזענלעכער ריכטונג פֿונעם פֿאָרשער איידער אין דער זאַך גופֿא.

די דערקענונג אַז די אַלט־יידישע ליטעראַרישע שפּראַך איז אַן עקסטרעם סטיליזירטע איז אַן אויפֿטו פֿאַר זיך. די יידישע פֿילאָלאָגיע מוז זיך אָבער שטעלן די פֿראַגע, וואָס זי קען דאָ אָפּלערנען אין שײַכות מיט די לינגוויסטישע פֿאָרשונגען אונדזערע איבערן עלטערן יידיש. ליטעראַרישע און לינגוויסטישע פֿאָרשער קלײַבן

זיך אָפֿט אויס פֿאַרשידענע מעטאָדאָלאָגישע דרכֿים, לאו דווקא סתירותֿדיקע נאָר וואָדען אַנדערשדיקע און אַ סך מאָל אויך אַזעלכֿע וואָס דערגאַנצן איינס דאָס אַנדערע. ס׳קען זיך אָבער מאַכֿן, און דאָס טאָר מען ניט באַנעמען ווי אַ מלחמה קעגן דער ליטעראַטור־פֿאָרשונג מצד דער לינגוויסטיק, אַז אַ צענטראַלער אָביעקט פֿון דער ליטעראַטור־פֿאָרשונג זאָל פֿאַר דער שפּראַך־פֿאָרשונג האָבן בלויז אַ נעגאַטיוון ווערט. די אָרטאָגראַפֿישע קונצן אינעם אלף־ביתֿ אַקראָסטיך פֿונעם *יוסף הצדיק ליד*, דער דורכגעלאָזטער סמך אינעם *אַלמעכטיגר גוט* פֿון דער פּראָגער הגדה, די באַגרענעצונג אויף סובסטאַנטיוון פֿון אַ רעליגיעזן כאַראַקטער ביי אליה בחורן אין דער תהלים איבערזעצונג און אַ היפּשע צאָל ענלעכע רמזים אין דער גאַנצער אַלט־יידישער ליטעראַטור קומען צו לערנען דעם יידישן פֿילאָלאָג אַז די אויספֿאָרשונג פֿונעם יידיש פֿון אַמאָל טאָר מען בשום אופֿן ניט בויען אויף דער ליטעראַרישער שפּראַך. די אַבסטראַקטע קוואַליטעט פֿון אַ לינגוויסטישן אַנאַליז איז געווענדט אין טאַלאַנט פֿונעם לינגוויסט און אין דער מעטאָדאָלאָגיע מיט וועלכער ער באַנוצט זיך. צי מ׳קען זיך אָבער פֿאַרלאָזן, קאָנקרעט גערעדט, אויפֿן אַנאַליז איז אָבער אָפּהענגיק אינעם מאַטעריאַל וואָס דער לינגוויסט באַנוצט פֿאַר רוװאַרג. אָט דער מאַטעריאַל הייסט ביים לינגוויסט דער ק אָ ר פּ ו ס. אַז דער קאָרפּוס איז אַן אַקוראַטער וועט דער אַנאַליז כאָטש איבערגעבן ריכטיקע פֿאַקטן אַפֿילו אויב דער לינגוויסט און דער מעטאָד זיינען ניט פֿון איינשטיינס חדר. איז אָבער דער קאָרפּוס אַ פֿאַלשער וועט דער געניטסטער לינגוויסט אַריינפֿאַלן אין בלאָנדזשעניש און פֿאַלשע פֿאָרשטעלונגען.

אַ הויכע מדרגה געטריישאַפֿט דער לעבעדיקער שפּראַך טראָגט דאָס הייפֿעלע ניט־ליטעראַרישע דאָקומענטן וואָס האָבן זיך דערהיט. דער עיקר זיינען דאָס גבֿיתֿ־עדותֿן ביי דין־תורהס וואָס מ׳געפֿינט אין די שאלותֿ ותשובֿותֿ (זע רובאַשאָוו 1929; שזר 1971) און דאָס סאַמע וויכטיקסטע — די עפּיסטאָלאַרישע מאָנומענטן וואו די סטיליזאַציע איז אָפּטמאָל אַ מינימאַלע. טאָ לאָמיר אַ גיכן קוק כאַפּן אויף דוגמאותֿ אַרויסגענומענע פֿון יידישע בריוו פֿון פֿאַר 1600. אליעזר בן משה שרייבט פֿון טימבערג צו זיין זון אין פּראָג אין 1588, פֿאַרזיכערנדיק דעם זון אַז ער וועט דעם טאַטן ניט דאַרפֿן אויסהאַלטן: „אי״ה אדרבה ראטין [עצהן] העלפֿין אונ׳ ווערין קינן אפֿי׳ [וועל קענען אַפֿילו] מיין רחל אויך מיט דער צייט הין נעמן״ (ביי

ווײַנריבן, 1937: 58, שורות 11-12). די ירושלימער אַלמנה רחל בת ר׳ אבֿרהם פֿון פּראָג שרײַבט צו איר זון אין מצרים אין 1566 אין אַ בריוו וואָס האָט זיך דערהיט אין דער גניזה: „אונ׳ זאלשט מיר קדיש זאגן נון מיין ליבר זון זייא דיך ניט מצער אונ׳ לעב אונ׳ זייא גיזונט בון גוטז ית׳ שווגן [׳פֿון גאָט יתּבֿרכֿס וועגן׳]" (בײַ אספֿן, 1942: 66, שורות 15-16, זע אויך סאַנדערס 1947). וויאָלע פֿון סאָפֿיע (אין בולגאַריע) שרײַבט איר שוועסטער און שוואָגער אין 1532: „גינומן בון דען חוב איין חיליק [׳אַ חלק׳]" (בײַ גינסבערגן, 1938: 344, שורות 13-14). אין אַ בריוו געשריבן אין 1478 אין רעגנסבורג צו אַ יידישער פֿרוי אין תּפֿיסה שרײַבט זיך: „אוב דו ניט כתבן קנשט און [׳דו קענסט ניט שרײַבן צוליב׳] די עינויים" (בײַ בירנבוימען, 1939: 106, שורה 2). דער פֿראַנקפֿורטער ייד נפֿתּלי בן משה שרײַבט זײַן שוואָגער אין 1454: „... דו וועלשט [׳וועסט׳] אונז כ״ד [׳כּל דבֿר׳] באריכות מודיע זיין" (בײַ צינבערגן, 1935: 27; זע אויך בײַ בוקסטאָרפֿן, 1609: 659-660). אָט אַזאַ מין לשון, אַן אמתדיקן יידיש וועגן וועלכן ס׳קען קיין רייד ניט זײַן צי איז דאָס אַ פֿאַריידישטער דײַטש צי אַ פֿאַרדײַטשטער יידיש, ווערט מען אומזיסט זוכן אין דער אַלט־יידישער ליטעראַטור, בפֿרט אין דער פּאָעטישער. און א יי נ ע ר פֿון די בולטע סימנים וואָס כאַראַקטערידירן די סאַמע עלטסטע דאָקומענטן וואָס מ׳קען זיך אויף זיי לינגוויסטיש גערעדט פֿאַרלאָזן, איז דאָס פֿאַראַן זײַן פֿונעם סעמיטישן חלק.

## V

## אַ פֿאַרגרעסערטער צי אַ פֿאַרקלענערטער סעמיטישער חלק?

בײַם באַטראַכטן די צוויי קאָנקורירנדיקע טעאָריעס, די טעקסטן־טעאָריע און די ירושה־טעאָריע, קען צוניץ קומען אַ פֿאַרגלײַך צווישן דעם סעמיטישן חלק אין פֿאַרשידענע תּקופֿות. אַזוי אַרום קען זיך אַרויסווײַזן די שטאַרקײַט פֿונעם סעמיטישן חלק, סײַ אין זײַן כּמות סײַ אין זײַן מאָרפֿאָלאָגישער און סעמאַנטישער אויסשפּרייטונג, רעלאַטיוו צו צ ײַ ט. פֿאַר דער טעקסטן־טעאָריע איז קלאָר אַז דער סעמיטישער חלק האָט זיך אָנגעהויבן פֿון גאָרניט אָדער כּמעט גאָרניט, אַז ער

האָט זיך פֿאַרגרעסערט אין משך פֿון די דורותֿ אַדאַנק דעם וואָס מ'האָט זיך בײַ אַשכנזישע יידן אַזויפֿל באַנוצט מיט די ספֿרים. די ירושה־טעאָריע האַלט פֿאַרקערט: דער סעמיטישער חלק איז געווען געוואַלדיק שטאַרק בעתֿן באַזעצן זיך אין אייראָפּע. באַלד נאָך דער מזרח תקופֿה, ער האָט זיך פֿאַרקלענערט אין גאַנג פֿון די דורותֿ ווי אַ פּועל יוצא פֿון דער אָפּגעזונדערטקײַט פֿונעם לעבעדיקן סעמיטישן שפּראַך־קוואַל. אַזוי אַרום זײַנען סעמיטיזמען אָפּטמאָל פֿאַרשוואונדן געוואָרן לטובֿתֿ גערמאַניזמען צי סלאַוויזמען אַרײַנגעקומענע דורכן קאָנטאַקט מיט די אייראָפּעאישע שכֿנים. ספּעציעל אין מזרח־אייראָפּעאישן יידיש האָט זיך שטאַרק פֿאַרקלענערט דער סעמיטישער חלק צוליב דער נײַער קאָנקורענץ מיטן צוגעקומענעם סלאַווישן חלק. די ירושה־טעאָריע לייקנט חלילה ניט אָפּ די געוואַלדיקע חשיבֿותֿ פֿון די ספֿרים; די טעקסטן האָבן טאַקע זיכֿער „אַרײַנגעפֿירט” אַ געוויסן סכום איינסן, אָבער, לויט דער ירושה־טעאָריע, אַ גאָר קליינעם טייל פֿונעם סעמיטישן חלק. אַחוץ דעם האָבן די טעקסטן אויך פֿאַרשטאַרקט דעם מעמד פֿונעם סעמיטישן חלק. דער כח פֿון די טעקסטן האָט זיך אָבער קוים געקענט פֿאַרמעסטן מיט די השפּעותֿ פֿון די שכֿנותֿדיקע גערעדטע לשונותֿ.

מיר לײַדן פֿון אַ געוויסן סנאָביזם דערמיט וואָס (אין דער הײַנטיקער סאָציאָלאָגיע פֿון דער זאַך) איז אונדז שווער מודה זײַן אַז דער סעמיטישער חלק איז אַמאָל געווען שטאַרקער פֿאַרטראָטן אין יידיש איידער בײַ אונדז הײַנט צו טאָג. אָט למשל, אַזעלכֿע איינסן ווי *אַכלען*, *הוללן*, *שתקענען* האָבן אַ מאַרגינאַלן מעמד אין הײַנטיקן יידיש, זיי ברענגען אַרויס נואַנסן פֿון הומאָר צי פֿון גראָבקײַט. קיין טאָגטעגלעכֿע ווערטער זײַנען זיי זיכֿער ניט. נעמען מיר אָט די הײַנטצײַטיקע מאַרגינאַלקײַט און שפּרייטן עס אויס אומקריטיש איבער דער גאַנצער געשיכֿטע פֿון יידיש. פֿאַראַן אָבער אויפֿווײַזן פֿון אָט אַזעלכֿע ווערטער אין עלטערן מערבֿדיקן יידיש און דווקא בתורתֿ טאָגטעגלעכֿע ווערטער אויף טאָגטעגלעכֿע באַגריפֿן.

דער סעמיטישער חלק אין אַמאָליקן מערבֿ יידיש איז ברחבֿותֿדיק באַשריבן געוואָרן ערשט אין אַכֿצנטן יאָרהונדערט דורך די ק אָ מ פּ י ל אַ ט אָ ר ן. וויסנשאַפֿטלעך גערעדט שטייען די קאָמפּילאַטאָרן אויף אַ ניוואָ וואָס איז אַ סך נידעריקער איידער בײַ זייערע פֿאָרגייער, די קריסטלעכֿע יידיש־פֿאָרשער פֿונעם זעכֿצנטן און זיבעצנטן יאָרהונדערט. זייערע ידיעותֿ אין לעקסיקאָגראַפֿישער

פון דער משפחה קאַץ
מיינקע, רבקה און הירשעלע

וויסנשאַפֿטלעכקייט בכּלל און אין לשון קודש און אַראַמיש בפֿרט זײַנען אָפּטמאָל מינימאַלע. אין אַ סך פֿאַלן זײַנען זיי שמוציקע יודאָפֿאָבן און אַנטיסעמיטן, דער עיקר משומדים. „אַ מאַן פֿון וויסנשאַפֿט”, ווײַזט אָן באָראָכאָוו, „מוז גובֿר זײַן דעם עקל און דאָך דורכבלעטערן די אָנגעווידענע שונד־ליטעראַטור” (1913ב: 12). סײַ צוליב די „פּראַקטישע” צילן וואָס די קאָמפּילאַטאָרן האָבן זיך געשטעלט, סײַ צוליב זייער עם־הארצות, זײַנען זייערע לעקסיקאָגראַפֿישע קאָמפּילאַציעס גראַדע באַגלייבטע קוואַלן וואָס מיר האָבן פֿונעם אַמאָליקן סעמיטישן חלק אין טאָגטעגלעכן מערבֿ יידיש.

דער איינציקער יידישער פֿילאָלאָג וועלכער האָט אַרויסגעזאָגט די לינגוויסטישע מסקנא וואָס בעט זיך בײַם אַנאַלידירן אָט דעם מאַטעריאַל איז שלמה נאָבל וועלכער האַלט אַז אינעם מערבֿ יידיש פֿון אַכצנטן יאָרהונדערט איז די צאָל סעמיטיזמען געווען „אַ סך גרעסער איידער הײַנט” (נאָבל 1961-1962: 18). נאָבל פֿאַרשטאַרקט זײַן שטעלונג דורך זײַן אַנאַליז פֿונעם סעמיטישן חלק אינעם יידיש פֿון אַ יאָרהונדערט פֿריער וואָס אַנטפּלעקט זיך אין די פּראָגער בריוו פֿון 1619 וואָס לאַנדוי און וואַכשטיין (1911) האָבן אַרויסגעגעבן (נאָבל 1964). הייסט דאָס אַז די ראיות פֿון די קריסטלעכע און די יידישע מקורות קומען זיך אין דעם פּרט צונויף.

בײַם באַטראַכטן כּתבֿים וואו דער סעמיטישער חלק איז שטאַרק פֿאַרטראָטן דאַרף מען זיך היטן פֿאַר סטיליזאַציע ניט ווייניקער איידער בײַ די ליטעראַרישע מאָנומענטן. די עקסטרעמסטע סטיליזאַציע פֿון דעם מין איז דער אַזוי אָנגערופֿענער „סופֿרים נוסח”, וואָס אוריאל ווײַנרײַך האָט אויסגעפֿאָרשט, וואו יידיש און העברעאיש ווערן צונויפֿגעמישט (א. ווײַנרײַך 1958). די סטרוקטורעלע שטריכן פֿונעם העברעאיש און אַראַמיש אין אָט אַזעלכע טעקסטן זײַנען עובֿר אויף די אינעווייניקסטע געזעצן לויט וועלכע די חלקים פֿון יידיש פֿאַראייניקן זיך. בײַ די קאָמפּילאַטאָרן געפֿינט מען אָבער בדרך כּלל דווקא סעמיטיזמען וואָס וואָלטן זיך אין הײַנטיקן יידיש סטרוקטורעל פֿײַן צוגעפּאַסט. די מאָרפֿאָלאָגישע פּראָדוקטיווקייט פֿונעם סעמיטישן חלק וואָס מ'געפֿינט בײַ די קאָמפּילאַטאָרן איז אַ סימן אַז די שײַכותדיקע ווערטער האָט מען געניצט. ס'איז ניט צו באַוואונדערן וואָס די קאָמפּילאַטאָרן זײַנען געווען געטרײַ דער לעבעדיקער שמועסשפּראַך — זייער ציל

איז דאָך געווען העלפֿן קריסטן פֿאַרשטיין וואָס די יידן ריידן.

אַז מ'טרעפֿט *ילד* און *ילדים* קען נאָך זײַן אַ ספק צי זיי זײַנען טאַקע געווען „יידישע ווערטער". ווען מ'געפֿינט אָבער בײַ פֿילאָגלאָטוסן (1733: 33) די פֿאָרמירונג אויף צוריק (*ילדימער* 'קינד') j'lodim'r ווערט אויס ספק ווײַל בלויז אַ לעבעדיק וואָרט איז זוכה צו מאָרפֿאָלאָגישער פּראָדוקטיווקייט — דאָס איז אַ ווײַטער מהלך פֿונעם באַנוץ פֿונעם באַשטימטן אַרטיקל *ה-* צי פֿון דער קאָניונקציע *ו-* אינעם סופֿרים נוסח. אַז דאָס וואָרט *ספֿינה* 'שיף' איז געווען אין דער גערעדטער שפּראַך קען מען דרינגען פֿון דעם דעריוואַט *ספֿינר* 'שיפֿמאַן', 'מאַטראָס', וואָס מ'טרעפֿט בײַ קאַלענבערגן (1736: 103). ניט נאָר *פּתח* 'טיר' נאָר אויך Pesachner (*פּתחנער* 'שלאָסער') פֿאַרצייכנט ביבליאָפּילוס (1742: 49).

מ'טרעפֿט בײַ רײַצענשטײַנען (1764: [222]) Ihr seyd ein Godler Tippesch (*איר זייט א גדולער טיפּש* 'אַ גרויסער טיפּש'; בײַ פֿרידריכן (1784: 149): e godler bal achile (*אַ גדולער בעל אַכילה* 'גרויסער פֿרעסער'). אַ סימן אַז *גדול* 'גרויס' איז געווען אַ בייגעוודיקער אַדיעקטיוו. דאָס זעלביקע איז צו הערן בײַ *טובֿ* 'גוט'. בײַ זעליגן (1767: 78) איז פֿאַראַן די קאָנסטרוקציע en tofn Mèkach (*אַ טובֿן מקח* 'אַ גוטן משא־ומתן') ווי אַ דירעקטער אָביעקט. פֿרידריך, אגבֿ זייער אַן ערנסטער פֿאָרשער מיט גרויסע פֿאַרדינסטן פֿאַר דער יידישער שפּראַך־פֿאָרשונג, ווײַזט אָן ניט נאָר אויף *הרבה* 'אַ סך' נאָר אויך אויפֿן קאָמפּאַראַטיוו harbener (*הרבהנער* 'לענגער'; פֿרידריך 1784: 202).

פֿאַראַן אַ וועלט מיט סעמיטיזמען וואָס זײַנען געווען מאָרפֿאָלאָגיש פּראָדוקטיוו און וואָס זײַנען אויפֿגעצייכנט געוואָרן אַ סך מאָל פֿון באַזונדערע קאָמפּילאַטאָרן אין די פֿאַרשידענע טיילן פֿון דער מערבֿ־יידישער טעריטאָריע אין אַכצנטן יאָרהונדערט. אָט אַזעלכע איינסן זײַנען אָן אַ ספק געווען לעבעדיקע ווערטער אינעם טאָגטעגלעכן יידיש, זאָל אַפֿילו זײַן נאָר אין געוויסע סטילן ריידן. אַ שטודיע פֿונעם לעקסיקאָן פֿונעם מערבֿ יידיש וואָס איז פֿאַרצייכנט בײַ די קאָמפּילאַטאָרן איז אַ גאָר וויכטיקע אויפֿגאַבע פֿאַר דער יידישער פֿילאָלאָגיע. אָט אַזאַ שטודיע וועט ווײַזן אַז אין משך פֿון די פֿאַרגאַנגענע צוויי־דרײַ הונדערט יאָר האָט יידיש אָ נ ג ע וו אָ ר ן אַ ים מיט סעמיטיזמען.

## VI

## סינכּראָנישע סעמאַנטיק: סאָציאָלאָגיע צי גענעטיק?

אַז דער סעמיטישער חלק אין ייִדיש וואָלט כּולל געווען נאָר אַזעלכע ווערטער וואָס האָבן אַ שײַכות מיטן ייִדישן גלויבן, באַגריפֿן וואָס מ׳וואָלט אפֿשר ניט געקענט אויסדריקן מיטן לעקסיקאָן פֿונעם גערמאַנישן חלק צוליב רעליגיעזע, סאָציאָלאָגישע אָדער פּסיכאָלאָגישע סיבות, וואָלט געווען אַראָפּ פֿון מאַרק. ס׳וואָלט געווען אַן איבערצײַגנדיקער באַווײַז אַז דעם סעמיטישן חלק האָט מען אַרײַנגענומען אויף אויסצופּילן בלויזן וואָס דער גערמאַנישער חלק איז ניט פֿעיִק געווען אויסצופּילן. אויף דער וואָר איז אָבער פֿאַראַן אַ וועלט מיט סעמיטיזמען וואָס לאָזן זיך ניט סעמאַנטיש קלאַסיפֿיצירן ווי „באַגריפֿן פֿונעם ייִדישן גלויבן" סײַדן דורך פּלפּול, ווי למשל *אַוודאי*, *אַלמנה*, *אפֿשר*, *גבֿיר*, *גזלן*, *דאגה*, *דווקא*, *דלות*, *חלשן)*, *טעות*, *כּלבֿטע*, *מסתמא*, *עצה*, *פּנים*, *צרות*, *שוטה*, *שלבֿטע* וכדומה. די סעמאַנטישע עשירות פֿונעם סעמיטישן חלק איז אַ נאַטירלעכע זאַך פֿאַר דער ירושה־טעאָריע. פֿאַר דער טעקסטן־טעאָריע איז דאָס אָבער אַ ריכטיקע אָנשיקעניש. צונץ האָט געפּרוּווט אײַנטיילן דעם סעמיטישן חלק אויף סעמאַנטישע קאַטעגאָריעס (צונץ 1832: 439). אַחוץ די קאַטעגאָריעס וואָס האָבן אַ שײַכות מיט ספּעציפֿישקייטן פֿונעם ייִדישן פֿאָלק (ייִדישקייט, דאָס ייִדישע לעבן, דאָס ייִדישע לערנען, געהיים־לשון ניט־ייִדן זאָלן ניט פֿאַרשטיין) האָט צונץ בלית ברירה געמוזט צוגעבן די קאַטעגאָריע „פֿאַרשידענע אויסדרוקן פֿון דער שפּראַך פֿונעם טאָגטעגלעכן לעבן". אָט דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן. איטלעכע וויסנשאַפֿטלעכע קלאַסיפֿיקאַציע ווערט אויס קלאַסיפֿיקאַציע באַלד ווי מ׳איז געצוווּנגען אַרײַנצוּוואַרפֿן אַ רובריק מיטן קעפּל „פֿאַרשידענע" אויב די „פֿאַרשידענע" זײַנען ניט ווייניקער וויכטיק איידער די כּלומרשט „קלאַסיפֿיצירטע".

טביוב, וועמענס אייגענע סעמאַנטישע קלאַסיפֿיקאַציע איז איינע פֿון די טיפֿסטע וואָס מיר פֿאַרמאָגן ביז הײַנט ניט געקוקט אויף דער ביטולדיקער באַציִונג לגבי ייִדיש, האָט דערזען די באַגרענעצונגען פֿון דער קלאַסיפֿיקאַציע. ער איז מודה אַז „נאָך דעם אַלעמען, מוז איך אָנווײַזן אַז סוף כּל סוף זײַנען דאָ אין זשאַרגאָן ניט ווייניק העברעאישע ווערטער, וואָס ס׳איז שווער אויפֿקלערן מיט

וואָס זיי האָבן זוכה געווען צו בירגער־רעכט אין דער גערעדטער שפּראַך [...] דערפֿאַר איז רעכט דער פֿאָרשער זאָל זיך חידושן וואָס ער געפֿינט אין זשאַרגאָן העברעאישע ווערטער וואָס אַפֿילו די שאַרפֿסטע חריפֿות קען ניט אויפֿדעקן אין זיי קיין שייכות מיט „פֿרומקייט” אָדער רוחניות אָדער די אַנדערע סיבות וואָס איך האָב אויסגערעכנט אויבן” (טביוב 1903: 139 = 1923: 226). טביוב דריקט אויך אויס זיין באַוואונדערונג אַלמאַי אַ סך ווערטער וואָס מ'וואָלט לויט זייערע קאַטעגאָריעס געדאַרפֿט טרעפֿן אין יידיש זיינען אויף אַ רפֿואה ניטאָ. אים איז אַ מיסטעריע פֿאַרוואָס איז ניטאָ קיין *אור* אויף 'ליכט' ווען *חושך* איז יאָ דאָ. מיזעס פֿאָרמולירט עס אַזוי: „נישט דווקא ווערטער פֿאַר רעליגיעזע באַגריפֿן אָדער מנהגים, ווי מען קלערט געוויינטלעך” (מיזעס 1908: 183).

די אַלע קלאַסיפֿיקאַציעס פֿון דער סעמאַנטיק פֿונעם סעמיטישן חלק זיינען ס ו ב י ע ק ט י ו, זיי זיינען געווענדט אין דער ריכטונג פֿונעם פֿאָרשער וואָס קלאַסיפֿיצירט. למשל: די ווערטער *צפֿון, דרום, מזרח, מערב*. פֿאַר דער טעקסטן־טעאָריע איז דאָס אַ האַרבע קשיא. זאָגט טביוב אַז זיי געפֿינען זיך אין יידיש ווייל זיי דערמאָנען אין דער איינטיילונג פֿון ארץ ישראל און דריקן אויס דאָס געפֿיל פֿון נאַציאָנאַליזם ביי אַשכּנזישע יידן (טביוב 1903: 135). זאָגט מיזעס אַז די סיבה איז, וואָס זיי זיינען אַבסטראַקציעס און אַזוי אַרום געהערן זיי זיין קאַטעגאָריע „אַבסטראַקציעס” אין סעמיטישן חלק (מיזעס 1907: 282; 1908: 184; זע אויך 1924: 217). רובשטיין האַלט אָבער אַז מיר זעען דאָ די ראָלע פֿונעם אינטערנאַציאָנאַלן מסחר וואָס איז דאָך לויט זיין טעאָריע געווען אַ הויפּט גורם אין עצם אויפֿקום פֿון יידיש (רובשטיין 1922: 27).

ווער ס'וועט נאָר וועלן וועט דאָ קענען אַריינטייטשן די השפּעה פֿון בית מדרש מיט זיין מזרח וואַנט און ווער ס'וועט וועלן וועט קענען געפֿינען אַ רעליגיעזן פּגם ביי די מיטל־הויך־דייטשישע טערמינען וואָס וואָלטן געווען קאַנדידאַטן אויף אַריינגענומען צו ווערן אין גערמאַנישן חלק.

סאָציאָלאָגיע אויף איר אָרט און גענעטיק אויף איר אָרט. אַז מ'וויל אַשטייגער אויספֿאָרשן די געזעלשאַפֿטלעכע באַציאונגען פֿון אַ מענטשן צו עטנישע מינאָריטעטן באַנוצט מען זיך מיט די מיטלען פֿון דער סאָציאָלאָגיע. וויל מען זיך אָבער דערגרונטעווען פֿאַרוואָס אַ מענטש האָט טונקעלע אויגן פֿאַלט דאָ אַריין די

סאָציאָלאָגיע ווי אַ יוון אין אַ סוכּה. די פּראָבלעם געהערט דער גענעטיק. דער סעמיטישער חלק אין יידיש איז אַ שפּראַך־גענעאַלאָגיש געירשנטער פֿון די פֿריערדיקע לשונות פֿונעם זעלביקן פֿאָלק וואָס רעדט יידיש. מחמת דעם זײַנען אומזיסט די אַלע זוכֿעניש נאָך סיבות וואָס זאָלן אויפֿקלערן די עקזיסטענץ פֿון דעם אָדער יענעם סעמיטיזם אין יידיש. גענעטיק קען פֿאַרוואַנדלט ווערן אין סאָציאָלאָגיע, טונקעלע אויגן זײַנען מסוגל צו ו ו ע ר ן אַ סאָציאָלאָגיש ווײַכֿטיקער פֿאַקטאָר אין אַ געוויסער געזעלשאַפֿט. מיטן אָפּשטאַם פֿון אָט די טונקעלע אויגן האָט אָבער די סאָציאָלאָגיע קיין שײַכֿות ניט. די היסטאָרישע לינגוויסטיק וואָס אָפּערירט מיט דער השגה פֿון גענעטישער קרובֿהשאַפֿט צווישן לשונות מוז פֿאַרנעמען דעם אויבנאָן אין דער אויספֿאָרשונג פֿונעם שפּראַכֿהיסטאָרישן מ ק ו ר פֿונעם סעמיטישן חלק. די סאָציאָלאָגיע פֿאַרקערט דאַרף שפּילן איר ראָלע בײַ דער אויספֿאָרשונג פֿון די סאָציאַלע פֿונקציעס וואָס דער סעמיטישער חלק האָט אין גאַנג פֿון די דורות אָ נ ג ע נ ו מ ע ן.

## VII

## היסטאָרישע לעקסיק און סעמאַנטיק

לויט דער טעקסטן־טעאָריע וואָלט מען זיך געמעגט ריכֿטן אַז דער סעמיטישער חלק אין יידיש זאָל אָפּשפּיגלען מער אָדער ווייניקער אין אַ גלײַכֿער מאָס די פֿאַרשידענע טעקסטן וואָס מ׳האָט אַמערסטנס באַנוצט אין אַשכנז: תורה, תלמוד, תּפֿילה, און נאָך. די ירושה־טעאָריע האַלט אָבער אַנדערש: אַז דער סעמיטישער חלק איז פֿאַראַן צוליב לעבעדיקער שפּראַכֿיקער איבערגעבונג פֿון איין דור צום אַנדערן ניט־איבערגעריסנערהייט; אַזוי אַרום דאַרף יידיש אָפּשפּיגלען די סאַמע ש פּ ע ט ס ט ע פֿאַר־אַשכנזישע פֿאָרמען. לויט דער ירושה־טעאָריע וואָלט אין יידיש ניט געווען אַזאַ און אַזאַ תּנכֿישע פֿאָרמע אויב אָט אָ די פֿאָרמע איז אויף אַראַמיש פֿאַרביטן געוואָרן דורך אַ נײַער. אַראַמיש הייסט דאָ בײַ אונדז דער יידישער אַראַמיש, דאָס וואָס מאַקס ווײַנרײַך רופֿט אָן „תרגומיש". מ׳מוז כּסדר האַלטן פֿאַרן אויג אַז אָט דער אַראַמיש האָט אין זיך גאָר אַ שטאַרקן העברעאישן

חלק. באַקומט זיך לויט דער ירושה־טעאָריע אַז פֿאַרמען פֿונעם תּנכישן העברעאיש געפֿינט מען אינעם סעמיטישן חלק פֿון יידיש בלויז בתורת: ח ל ק ש ב ח ל ק.
אַ ריכטיקע פּרט־פֿאַרשונג דאַרף מען ערשט אַדורכפֿירן. די אַלגעמיינע ליניעס זעען זיך אָבער שוין אָן פֿון דינט דער פֿאָרמולירונג פֿון „שיינעאַנוס פּרינציפּ" מיט העכער הונדערט יאָר צוריק. לאַזער שיינעאַנו האָט אַנטדעקט אַז דאָרט וואו אַ שפּעטערדיק וואָרט האָט פֿאַרביטן אַ פֿריערדיק וואָרט נאָך אויף דער סעמיטישער טעריטאָריע איז צו ריכטן זיך אַז יידיש וועט האָבן דאָס שפּעטערדיקע וואָרט (שיינעאַנו 1889: 53; זע אויך גרינבוים 1882: 536; 1885: 33; שולמאַן 1898: 42). שיינעאַנו האָט עס אויסגעדריקט לויט די טראַדיציאָנעלע קאַטעגאָריעס: ניט דאָס דורכשניטלעכע תּנכיש לשון, נאָר וואָדען תּלמודיש אָדער נאָך־תּלמודיש לשון איז אין יידיש אַרײַן. דערפֿאַר למשל האָט יידיש *יום־טוב* און ניט *מועד*, דרום און ניט *נגב*, *מערב* און ניט *ים*.
ניט נאָר די לעצטע לעקסישע גלגולים זײַנען אין סעמיטישן חלק אַרײַן נאָר אויך די לעצטע ס ע מ אַ נ ט י ש ע גלגולים. אין תּנ"ך הייסט דאָך *מנהג* — 'פֿירונג פֿון אַ רײַט־וואָגן'; *צדקה* — 'גערעכטיקייט'; *צלם* — 'געשטאַלט'. אין יידיש טרעפֿט מען נאָר די שפּעטערדיקע טײַטשן, די פֿריערדיקע זײַנען לחלוטין אומבאַקאַנט. די לעקסיק און סעמאַנטיק פֿון סעמיטישן חלק אין יידיש פֿורעמען זיך ניט אויס לויט די פֿאַרשידענע מינים טעקסטן וואָס מ'האָט גענוצט א י ן אַשכנז. די וואַקסן פֿון דער לעצטער אַנטוויקלונג פֿ אַ ר אַשכנז.

## VIII
## די רעקאָנסטרוקציע

בײַם אויספֿאָרשן די געשיכטע פֿון אַ שפּראַך איז דער דוחק אין דאָקומענטן וואָס מ'קען זיך אויף זיי לינגוויסטיש געוועדט פֿאַרלאָזן, ניט קיין סימן אַז מ'איז אויס קאַפּעליוש־מאַכער. דאָס אויפֿבויען די געשיכטע פֿון אַ שפּראַך לויט די כּתבֿים וואָס האָבן זיך דערהיט האָט דער גרינדער פֿון דער מאָדערנער לינגוויסטיק, פֿערדינאַנד דע סאָסיר אָנגערופֿן דעם פּראָספּעקטיוון מעטאָד (סאָסיר 1916: 297-

300). דע סאָסיר באַשרײַבט די באַגרענעצונגען פֿונעם פּראָספּעקטיוון מעטאָד ווי אַ יסוד פֿון דער טעאָריע פֿון היסטאָרישער לינגוויסטיק. שפּראַך־געשיכטע קען מען בכּלל ניט באַאַרבעטן בלויז לויט דאָקומענטן. ס'איז אומבאַקאַנט אין דער שפּראַך־וויסנשאַפֿט אַ פֿאַל וואו די מאָנומענטן זאָלן קלעקן אויף צו שרײַבן די געשיכטע פֿון אַ שפּראַך. דער לינגוויסט דאַרף אָפּלאָזן דעם פּראָספּעקטיוון מעטאָד און אַרבעטן אין דער פֿאַרקערטער ריכטונג: ער מוז רעקאָנסטרואירן דעם ווײַטן אַמאָל. אַזוי אַרום באַקומט דער היסטאָרישער לינגוויסט די מעגלעכקײַט זיך צו דערגרונטעוועז צו דער שפּראַך פֿון אַ תּקופֿה וואָס איז אַ סך עלטער איידער די עלטסטע באַקאַנטע מאַנוסקריפּטן. אַז מ'נעמט אין באַטראַכט די פּאָדערונגען און דערגרייכונגען פֿון דער היסטאָרישער לינגוויסטיק אין דער צווייטער העלפֿט פֿונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט ווײַזט זיך בולט אַרויס אַז דער טראָפּ ליגט אויף עמפּירישער עווידענץ, מאַטעריאַל וואָס דער פֿאָרשער נעמט אויף מיט די אייגענע חושים. סאָסירס רעטראָספּעקטיווער מעטאָד איז אין אַ געוויסן זין די טעאָרעטישע אַבסטראַקציע פֿון דער קאָמפּאַראַטיווער רעקאָנסטרוקציע וואָס איז אין נײַנצנטן יאָרהונדערט אויפֿגעקומען. זי האָט די וואונדערלעכע מעלה וואָס די פֿאָרמען וואָס מיר פֿאַרגלײַכן אויף צו רעקאָנסטרואירן זײַנען די ה ײַ נ ט י ק ע, ניט קיין פּאָסטולירטע אויפֿן סמך פֿון אַמאָליקע שטיקלעך פּאַפּיר, אַמאָליקע אותיות, וואָס לאָזן זיך אויסטײַטשן אויף טויזנט־איין אופֿנים.

איידער מ'קומט צו די פּרטים איז כּדאַי בתּכלית הקיצור באַטראַכטן די מחלוקת איבערן מקור פֿונעם סעמיטישן חלק „קאָסמיש", „סתם". אַזוי אַרום וועט מען קענען זען דורך דער לאָגיק פֿון דער היסטאָרישער לינגוויסטיק ווי די זאַך שטייט אַפּריאָרי, לויטן שׂכל הישר, און אויף וועמען ס'ליגט דער עול פֿון ראיה. דער קירצטער מהלך צווישן צוויי פּונקטן אין שטח איז אַ גלײַכע ליניע. דער קירצטער מהלך צווישן צוויי פּונקטן אין צײַט איז אויך אַ גלײַכע ליניע סײַדן ס'ווערט צעשטערט די נאַטור. אַז אַ געוויסער בנין איז געשטאַנען אין אַזאַ און אַזאַ יאָר אין דער געשיכטע און דער זעלביקער בנין איז געשטאַנען אין אַ שפּעטערדיקן יאָר איז דער בנין ג ע ב ל י ב ן סײַדן מ'ווייס אַז מ'האָט אים צעשטערט און ווידער אויפֿגעבויט. דער נאַטירלעכער מהלך צווישן צוויי פּונקטן אין צײַט בײַ איין שפּראַך־פֿאָרמע איז פֿונעם ערשטן פּונקט ביזן צווייטן. אַז די ווערטער אַוודאי,

דווקא און *מסתמא* זײַנען געווען בײַם יידישן פֿאָלק רײדנדיק אַ סעמיטישע שפּראַך און מ׳געפֿינט זיי ווײַטער בײַם זעלביקן פֿאָלק רײדנדיק די יידישע שפּראַך, איז אַ סימן אַז אָט די ווערטער, ווי טויזנטער אַנדערע, האָבן געהאַט אַ געוויסן לינגוויסטישן אַ ר י כֿ ת י מ י ם. ווער ס׳האַלט אָבער אַז סעמיטישער שפּראַך־חומר איז נעלם געוואָרן און איז צוריק אויפֿגעקומען אין דער גערעדטער שפּראַך דורך די טעקסטן איז אַ מאמין אין ת ח י י ת ה מ ת י ם. כּאָטש די ביידע פּראָצעסן זײַנען באַקאַנט אין דער שפּראַך־געשיכטע, איז אַריכת ימים דער נאַטירלעכער פּראָצעס, תחיית המתים דער יוצא־דופֿנדיקער. ווער ס׳וויל אין אַ ספֿק־פֿאַל שרײַען „תחיית המתים" איז — עליו הראיה.

אַז דער סעמיטישער חלק וואָלט אין יידיש אַרײַן פֿון די טעקסטן דורך אַן אויסגעצויגענעם פּראָצעס אין משך פֿון דור־דורות וואָלט מען זיך געמעגט ריכטן אויף גוואַלדיקע געאָגראַפֿישע אונטערשיידן אין דער עצם צונויפֿוואַקסונג מיט די אַנדערע חלקים אין יידיש. אַ געוויסער וואָקאַל פֿונעם סעמיטישן חלק וואָלט זיך געקענט אַנטוויקלען אינאיינעם מיט אַזאַ און אַזאַ וואָקאַל פֿונעם גערמאַנישן חלק אין האָלאַנד אָבער מיט גאָר אַן אַנדער וואָקאַל פֿונעם גערמאַנישן חלק אין דער ליטע. אַזעלכע פֿאַלן זײַנען אָבער אויסנאַמען שבאויסנאַמען: די פּאַראַלעלקייט פֿון דער צונויפֿוואַקסונג איבער דער רײַזיקער טעריטאָריע פֿון יידיש וואַרפֿט זיך פּשוט אין די אויגן. פֿאַרן היסטאָרישן לינגוויסט איז דאָס דער סימן מובהק פֿון גענעאַלאָגישער ירושונג פֿון אַ קדמון שפּראַך. מ׳וואָלט דאָ געקענט קומען מיטן תירוץ אַז אָט די פּאַראַלעלקייט נעמט זיך פֿון כֿוואַליעס השפּעה פֿון איין דיאַלעקט איבערן אַנדערן. די אַנדערשקייטן אין דעם פֿאַקטישן אַרויסרייד אין איטלעכן דיאַלעקט ווײַזן אָבער אָן אַז די שײַכותדיקע ווערטער האָבן אַדורכגעמאַכט די אַלע פֿאָנעטישע שינויים וואָס כֿאַראַקטעריזירן די אַנטוויקלונג פֿון איטלעכן דיאַלעקט באַזונדער. דאָס לאָזט זיך דערקלערן אויף איין אופֿן: דער סעמיטישער חלק איז מלכתחילה געווען.

אַ גרויסער אויפֿטו איז עס געווען וואָס יחיאל פֿישער (דער שפּעטערדיקער יחיאל בן־נון) האָט אין די דרײַסיקער יאָרן אַרײַנגעפֿירט אין דער יידישער פֿילאָלאָגיע דעם באַגריף קדמון יידיש בכלל און אַ סיסטעמאַטישע סכעמע פֿונעם קדמון יידישן וואָקאַליזם בפֿרט (זע איצט בן־נון 1973: 61-72; 183-238; 267-

278). די אויסערגעוויינטלעכע אויסגעהאַלטנקייט פֿון די מיטשטימונגען צווישן די סיסטעמען וואָקאַלן אין די ייִדישע דיאַלעקטן איז אַ בולטער באַווײַז פֿאַרן עמפּירישן מהות פֿון קדמון ייִדיש. אָט די אויסגעהאַלטנקייט גיט דעם ייִדישן פֿילאָלאָג די מעגלעכקייט צו קאָנפֿראָנטירן די חלקים פֿון ייִדיש איינער מיטן אַנדערן. דאָ ווײַטער ווערט גענוצט אוריאל ווײַנרײַכס סיסטעם ציפֿערן אויף איבערצוגעבן די דיאַפֿאָנעמען פֿון מאַקס ווײַנרײַכס קדמון סכעמע (מ. ווײַנרײַך 1960ב; 1973: II, 343-368; אוריאלס נוסח ווערט דערקלערט בײַ הערצאָג, 1965: 228).

צום בײַשפּיל: אין צפֿון־מערבֿ ייִדיש אין האָלאַנד, אין צפֿון־מערבֿדיקסטן ווינקל פֿון דער היסטאָרישער טעריטאָריע פֿון ייִדיש, איז דער דיפֿטאָנג ɔu דער ענטפֿערער סײַ פֿונעם נאָרמאַליזירטן מיטל־הויך־דײַטשישן ô סײַ פֿונעם טבֿריהר אָפֿנטראַפֿיקן חולם, אַזוי אַרום אַז די האָלענדיש־ייִדישע ווערטער brɔut 'ברויט', grɔus 'גרויס' און rɔut 'רויט' האָבן דעם זעלביקן וואָקאַל וואָס xɔ́udəš 'חודש', sɔ́uxər 'סוחר' און šɔ́utə 'שוטה'. טוען מיר אַ קוק אויף צענטראַל־מזרח ייִדיש אין פּוילן זעען מיר די זעלביקע צונויפֿוואַקסונג נאָר מיט אַ באַזונדערער פֿאָנעטישער געשטאַלט וואָס האָט דערפֿירט צו דער רעאַליזירונג ɔj: brɔjt, grɔjs, rɔjt, xɔ́jdəš, sɔ́jxər, šɔ́jtə. אין צפֿון־מזרח ייִדיש, אין דער ליטע, באַווײַזן זיך די בײדע סעריעס מיטן זעלביקן ej: brejt, grejs, rejt, xéjdəš, séjxər, šéjtə. אָט די אויסגעהאַלטענע מיטשטימונג לאָזט זיך צונויפֿנעמען אין איין באַגריף: מ'קען באַנעמען דעם ייִדישן וואָקאַל אין אָט די אַלע ווערטער, אין אַלע ייִדישע דיאַלעקטן, ווי מ'באַנעמט אַ יחידותדיקן יש. אָט דער יש הייסט אין דעם פֿאַל די ד י אַ פֿ אָ נ ע ם. אין מאַקס ווײַנרײַכס סיסטעם (נוצנדיק אוריאל ווײַנרײַכס נאָטאַציע) הייסט אָט די דיאַפֿאָנעם „וואָקאַל 42". ניט דאָ איז דאָס אָרט די סיסטעם צו דערקלערן אָדער פֿאַרטיידיקן, דאָ איז שייך מערניט די עקזיסטענץ פֿונעם באַגריף. מ'קען אָט די דיאַפֿאָנעם אַשטייגער אָנרופֿן „דעם חודש וואָקאַל" און ס'וועט האָבן — צוליב דער פֿאַקטישער מיטשטימונג צווישן די דיאַלעקטן — פּונקט די זעלביקע וויסנשאַפֿטלעכע האַפֿט.

דער וואָקאַל 42, וואָס סימבאָליזירט די דיאַפֿאָנעם האָלענדיש ייִדיש ɔu ‖ צענטראַל־מזרח ייִדיש ɔj ‖ צפֿון־מזרח ייִדיש ej (און מ'קען פֿאַרשטייט זיך

אַרײַננעמען אין דער דיאַפֿאָנעם די קאָנקרעטע רעאַליזירונגען אין אַלע אַנדערע ייִדישע דיאַלעקטן). אָט דער באַגריף, וואָקאַל 42, וואָלט לאָגיש ניט געקענט עקזיסטירן ווען ניט די אידענטישקייט פֿון דער צונויפֿפֿאָרונג פֿון די חלקים פֿון ייִדיש אין אַלע ייִדישע דיאַלעקטן. די פֿאַרשידנקייט פֿון דער קאָנקרעטער רעאַליזירונג פֿון איין זײַט ווײַזט אַז מ'האָט דאָ צו טאָן מיט ירושה פֿון דער קדמון שפּראַך, ניט מיט כוואַליעס השפּעה פֿון איין דיאַלעקט איבערן אַנדערן. די אידענטישקייט פֿון דער צונויפֿפֿאָרונג פֿון דער אַנדערער זײַט ווײַזט אַז דער סעמיטישער חלק און דער גערמאַנישער חלק האָבן זיך געמוזט מתיחד זײַן אין דער עלטסטער תּקופֿה, נאָך איידער די שפּראַך האָט זיך אויף דיאַלעקטן צעגאַפּלט.

אָט די פֿאַרשידנקייט אין דער קאָנקרעטער רעאַליזירונג, באַנומען בבת אחת מיט דער אידענטישקייט פֿון דער צונויפֿפֿאָרונג איז אָבער דאָך ניט קיין ראיה ניט אָפּצופֿרעגן ווײַל מ'קען דאָ ברענגען אַ תּירוץ אַז ס'האַנדלט זיך אין פּאַראַלעלע אַנטוויקלונגען — כאָטש ס'וואָלט געמוזט זײַן אַ גאַנץ שײנער צופֿאַל וואָס זאָל גורם זײַן די פּאַראַלעלקייט איבערן גאַנצן געאָגראַפֿישן שטח פֿון ייִדיש, איבערן גאַנצן סטרוקטורעלן שטח פֿונעם ייִדישן וואָקאַליזם, און דערצו, איבער אַלע תּקופֿות פֿון דער שפּראַך.

וויכטיקער פֿאַר דער קאָרעלירונג צווישן באַזונדערע קאָנקרעטע רעאַליזירונגען און אידענטישע צונויפֿפֿאָרונגען איז די קאָרעלירונג צווישן די בײדע און די פּאַראַלעלע אַנאָמאַליעס. פּאַראַלעלע אַנאָמאַליעס רוף איך אָן שטריכן וואָס זײַנען יוצא־דופֿנדיק, אומדערוואַרט, פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿון די נאָרמאַליזירטע נוסחאות פֿון די שפּראַכן וואָס קערן זיך אָן גענעטיש מיט די חלקים אין ייִדיש: ניט סתם יוצא־דופֿנדיק, נאָר יוצא־דופֿנדיק אויף פּונקט דעם זעלביקן אופֿן אין אַלע ייִדישע דיאַלעקטן. אין דער פּרשה וואָקאַליזם וועט דאָס הייסן אַז פּונקט די זעלביקע יוצא־דופֿנדיקע דיאַפֿאָנעם באַווײַזט זיך אין זעלביקן וואָרט אין אַלע דיאַלעקטן. לאָמיר אַ קוק טאָן אויף דרײַ דוגמאות. דער טבֿריהר אָפֿנטראַפֿיקער סגול איז דער ענטפֿערער פֿון וואָקאַל 25 אינאיינעם מיטן מיטל־הויך־דײַטשישן אָפֿנטראַפֿיקן ë, אַזוי אַרום אַז דער טיפּ *בגד*, *חסד*, *רגע* האָט דעם זעלביקן וואָקאַל אין אַלע דיאַלעקטן וואָס דער טיפּ

*בעזעם*, *בעטן*, *טרעטן*. איז אָבער פֿאַראַן אַ סעריע יוצא־מן־הכללן, *חדר*, *פּסח*, *צלם* וכדומה וואו דער אָפּנטראַפּיקער סגול באַווײַזט זיך דווקא ווי וואָקאַל 22 אינאײנעם מיטן מיטל־הויך־דײַטשישן ê, דער טיפּ *אײביק*, *װײטיק*, *שנײ* — זײַנען זײ יוצא־מן־הכללן אין אַ ל ע יידישע דיאַלעקטן — אין האָלענדישן יידיש xɛ́jdər, pɛ́jsəx, cɛ́jləm מיט האָלענדיש יידיש $ɛj_{22}$ אָנשטאָט די „דערוואַרטע" •xḗdər, •pḗsəx, •cḗləm מיט האָלענדיש יידיש $ē_{25}$; אין צענטראַל־מזרח יידיש xájdər, pájsəx, cájləm מיט צענטראַל־מזרח יידיש $aj_{22}$, אָנשטאָט די „דערוואַרטע" •xéjdər, •péjsəx, •céjləm מיט צענטראַל־מזרח יידיש $ej_{25}$; אין צפֿון־מזרח יידיש xéjdər, péjsəx, céjləm מיט צפֿון־מזרח יידיש $ej_{22}$ אָנשטאָט די „דערוואַרטע" •xɛ́dər, •pɛ́səx, •cɛ́ləm מיט צפֿון־מזרח יידיש $ɛ_{25}$. דער סימבאָל • ווײַזט אָן אַז די פֿאָרמע איז אַ פֿאַלשע אין אָנגעגעבענעם דיאַלעקט.

נאָך אַ בײַשפּיל: דער טבֿריהר אָפּנטראַפּיקער שורוק איז דער ענטפֿערער פֿון וואָקאַל 52 אינאײנעם מיטן מיטל־הויך־דײַטשישן uo אַזוי אַרום אַז דער טיפּ *בתולה*, *חבֿרותא*, *מלבושים* האָט דעם זעלביקן וואָקאַל וואָס דער טיפּ *ברודער*, *זוכן*, *שול*. איז אָבער דאָס וואָרט *מזוזה* אַ יוצא־מן־הכלל, ס'באַווײַזט זיך דווקא מיט וואָקאַל 51 אינאײנעם מיטן מיטל־הויך־דײַטשישן u — דער טיפּ *הונט*, *טרוקן*, *פֿרום* — איז עס אַ יוצא־מן־הכלל אין אַ ל ע יידישע דיאַלעקטן: אין האָלענדישן יידיש mǝzŏ́zǝ מיט האָלענדיש יידיש $ŏ_{51}$ אָנשטאָט •mǝzū́zǝ מיט האָלענדיש יידיש $ū_{52}$; אין עלזאַסער יידיש mǝzúzǝ מיט עלזאַסער יידיש $u_{51}$ אָנשטאָט •mǝzū́zǝ מיט עלזאַסער יידיש $ü_{52}$; אין צענטראַל־מזרח יידיש mǝzı̆́zǝ מיט צענטראַל־מזרח יידיש $ĭ_{51}$ אָנשטאָט •mǝzī́zǝ מיט צענטראַל־מזרח יידיש $ī_{52}$. אין צפֿון־מזרח יידיש איז דאָך ניט שייך ווײַל 51 און 52 האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן אין אַן אײנאײנציקן u. אגבֿ: היות ווי ס'גייט דאָ אינעם וואָקאַליזם איז די טראַנסקריפּציע פֿון קאָנסאָנאַנטן נאָרמאַליזירט, אַזוי אויך אויף ווײַטער.

אַ דריטער בײַשפּיל: דער טבֿריהר פֿאַרמאַלטראַפּיקער צירה איז דער ענטפֿערער פֿון וואָקאַל 21 אינאײנעם מיטן מיטל־הויך־דײַטשישן קורץ געבליבענעם e, אַזוי אַרום אַז דער טיפּ *בית־דין*, *לץ*, *נס* האָט דעם זעלביקן וואָקאַל וואָס דער טיפּ *בעסער*, *מענטש*, *שטעקן*. זײַנען אָבער די אותיות־נעמען

בית, בֿית, ריש און דאָס וואָרט חן יוצא־מן־הכּללן, זיי באַווײַזן זיך דווקא מיטן אויבן דערמאָנטן וואָקאַל 22, זײַנען זיי יוצא־מן־הכּללן אין אַ ל ע יידישע דיאַלעקטן — אין האָלענדישן יידיש און עלזאַסער יידיש bεjz, vεjz, rejš, xεjn; אין צענטראַל־מזרח יידיש bajz, vajz, rajš, xajn; אין דרום־מזרח און צפֿון־מזרח יידיש bejz, vejz, rejš, xejn, אומעטום אַנשטאָט •bεz, •vεz, •rεš, •xεn מיטן אוניווערסאַלן $\varepsilon_{21}$. דאָס צונויפֿשטעלן אַ מער־ווייניקער שלימותדיקע רשימה פּאַראַלעלע אַנאָמאַליעס אין יידיש און לאו דווקא אין סעמיטישן חלק, וועט ברענגען אַ סך נוצן דער יידישער פֿילאָלאָגיע בפֿרט און דער טעאָרעטישער פֿאָרשונג איבער קדמון שפּראַכן אין דער היסטאָרישער לינגוויסטיק בכּלל.

## IX

## די סטאַנדאַרדע טעאָריע איבערן וואָקאַליזם פֿון סעמיטישן חלק

גענומען אינאיינעם מיט דער אידענטישקייט פֿון דער צונויפֿפֿאָרונג און דער אַנדערשקייט אין די פֿאָנעטישע רעאַליזירונגען, זײַנען די פּאַראַלעלע אַנאָמאַליעס טאַקע בכּח צו באַווײַזן אַז דער סעמיטישער חלק איז געווען אין יידיש איידער די שפּראַך האָט זיך צעגאָפּלט אויף דיאַלעקטן, ד״ה אינעם עלטסטן יידיש. איז דאָ קען מען קומען מיטן תּירוץ אַז דער גרויסער יציאת מצרים פֿון די טעקסטן אַרויס, וואָס די טעקסטן־טעאָריע פּאָסטולירט, האָט זיך מיט יידיש פֿאַרלאָפֿן דווקא אין דער עלטסטער תּקופֿה, כאָטש לויט דער טעקסטן־טעאָריע וואָלט מען זיך געמעגט ריכטן אויף אַ כּסדרדיקן פּראָצעס פֿון אַרײַננעם, אויף אַ וואַקסנדיקן סעמיטישן חלק (§V).

בכדי זיך צו דערגרונטעווען צום סעמיטישן חלק בײַם סאַמע בראשית פֿון יידיש דאַרף מען זיך באַנוצן מיט די מעטאָדן פֿון דער קאָמפּאַראַטיווער לינגוויסטיק. אַן אויבנאָן וועט פֿאַרנעמען די רעקאָנסטרוקציע פֿון דער געשיכטע פֿונעם וואָקאַליזם. אויב דער וואָקאַליזם פֿונעם סעמיטישן חלק איז דורכויס אַ פּועל יוצא פֿון דער סיסטעם קריאה פֿון לשון קודש, פֿון דער השפּעה פֿונעם גערמאַנישן חלק צי פֿון ביידע איז קיין זאַך ניט געדרונגען. אויב להיפּוך דער

וואָקאַליזם פֿון סעמיטישן חלק קען לאָגיש גערעדט ניט שטאַמען ניט פֿון דער קריאה, ניט פֿון גערמאַנישן חלק, ניט פֿון די ביידע, איז דערפֿון געדרונגען אַז ער האָט בפֿירוש געהאַט אַן אַנדער שפּראַכיקן מקור דהיינו ער איז גערעדטערהייט געבראַכט געוואָרן פֿון מיטעלן מזרח אין אייראָפּע אַרײַן.

פֿאַראַן אַ נישקשהדיקע צאָל פּאַטעטישע באַמערקונגען איבערן סעמיטישן חלק פֿון זעכצנטן, פֿון זיבעצנטן און פֿון אַכצנטן יאָרהונדערט, דער עיקר וועגן אַרויסרייד פֿון איינצלנע ווערטער. געווען אַפֿילו פּרוּוון אויף צו פֿאַרגלײַכן דעם אַרויסרייד פֿונעם סעמיטישן חלק אין יידיש מיטן אַרויסרייד פֿון העברעאיש און אַראַמיש בײַ די קריסטלעכע געלערנטע, למשל בײַ וואַגענזײַלן (1699: 85) און בײַ שודטן (1714: II, 285). סײַ די דעסקריפּטיווע סײַ די היסטאָרישע באַמערקונגען זײַנען שייך דער פּ אָ נ ע ט י ק. ערשט אין נײַנצנטן יאָרהונדערט האָבן זיך גענומען באַווײַזן די ערשטע שפּורן פֿון דער היסטאָרישער פֿ אָ נ אָ ל אָ ג י ע פֿונעם סעמיטעשן חלק. די טעאָריע וואָס געוועלטיקט ביז הײַנט איז געבאָרן געוואָרן מיט העכער הונדערט יאָר צוריק. ס'האָט זי באַשאַפֿן דער העברעאישער פּאָעט און מדקדק אַבֿרהם דובֿ־בער מיכאַלישקער (מיט ראשי תיבֿות: אד"ם) בן חיים לעבענזאָהן. באַקאַנט איז ער אין דער העברעאישער ליטעראַטור ווי אדם הכהן (בײַ ליטווישע יידן: בערקע מיכאַלישקער; לצנותדיק בײַ מיכאַלישקער — „בערקע אַפּיקורס").

אדם הכהן האָט זיך ניט באַנוגנט מיטן פֿאַרגלײַך צווישן דעם סעמיטישן חלק און דער ספֿרדישער הבֿרה (וואָס איז דאָך דער יסוד פֿונעם קריסטלעכן אַרויסרייד פֿון העברעאיש) ווי עס האָבן געטאָן וואַגענזײַל און שודט. ער האָט אַרײַנגעצויגן אינעם פֿאַרגלײַך אויך די אַשכּנזישע הבֿרה און דײַטש. בײַם פֿאַרגלײַכן דעם וואָקאַליזם פֿון אָט אָ די פֿיר לינגוויסטישע סטרוקטורן — דער סעמיטישער חלק אין יידיש, די ספֿרדישע הבֿרה, די אַשכּנזישע הבֿרה און דײַטש — האָבן זיך פֿאַר אדם הכהנען אַרויסגעוויזן אַ רײ גענעאַלאָגישע צווישן־שײַכותן (אדם הכהן 1874: 19-25). ס'איז ניט קיין גוזמא צו זאָגן אַז אדם הכהנס עטלעכע זײַטלעך איבערן וואָקאַליזם פֿון סעמיטישן חלק עפֿענען אַ נײַע תקופֿה אין דער יידישער שפּראַך־פֿאָרשונג. ניט אַ פֿאַרגלײַך סתם נאָר וואָדען אַ פּאַקטישער באַנוץ פֿונעם קאָמפּאַראַטיוון מעטאָד אַנטפּלעקט זיך בײַ אדם הכהנען. איידער מ'קומט צו צום

תוכן פֿון דער טעאָריע דאַרף מען נאָר באַוואָרענען אַז אַרײַנגעפּלאָנטן מיט דער גאָר ערנסטער פֿאָנאָלאָגישער טעאָריע זײַנען אַ שײַנע פּאָר פּאַר־וויסנשאַפֿטלעכע השגות. ווי אַ בײַשפּיל קען מען אָנווײַזן אויף דער שנאה צו דיפֿטאָנגען מיט דער „ראיה" אַז לשון קודש האָט ניט האַלט קיין דיפֿטאָנגען, זיי זײַנען אַ צונויפֿמיש פֿון פֿאַרשידענע מינים וואָס איז דאָך קעגן דער תורה. ניט געקוקט אויף דעם און ניט געקוקט אויפֿן גאַנצן משכּילישן ביטול מיט וועלכן ער קוקט אָן די אַשכּנזישע הבֿרה איז דער עצם אַנאַליז זײַנער אַ בפֿירוש לינגוויסטישער, כאָטש ער איז סאָציאָלאָגיש מאָטיווירט.

בײַם פֿאַרגלײַכן די אַשכּנזישע הבֿרה מיט דער ספֿרדישער האָט זיך אדם הכהן אַרויסגעוויזן אַז די אַשכּנזישע הבֿרה דיפֿערענצירט סיסטעמאַטיש צווישן די רעאַליזירונגען פֿון די דרײַ פּאָרלעך: צירה און סגול; קמץ (= קמץ גדול) און פּתח; חולם און קמץ קטן, דורך בולטע אונטערשיידן אין וואָקאַלישער איכות. אין דער ספֿרדישער הבֿרה ווערן אָבער די בײדע וואָקאַלן אין איטלעכן פֿון די דרײַ פּאָרלעך אַרויסגערעדט מיט דער זעלביקער וואָקאַלישער איכות. צי ס'איז טאַקע פֿאַראַן בײַ די ספֿרדים אַ חילוק אין וואָקאַלישער כמות האָט ער ניט נאָכגעפֿאָרשט. געפֿינענדיק אַז די קאָנקרעטע פֿאָנעטישע רעאַליזירונגען בײַ די אַ ש כּ נ ז י ם פֿונעם צירה, פֿונעם קמץ און פֿונעם חולם האָבן געוויסע אַנאַלאָגיעס אין דײַטש האָט אדם הכהן געדרונגען אַז ניט נאָר דער אַרויסרייד גופֿא פֿונעם צירה, פֿונעם קמץ און פֿונעם חולם וואַקסט פֿון גערמאַנישער השפּעה נאָר אויך דער ע צ ם ח י ל ו ק (צווישן צירה און סגול; קמץ און פּתח; חולם און קמץ קטן) וואַקסט פֿון גערמאַנישער השפּעה. „גערמאַנישע השפּעה" הייסט דאָ ניט דער כּח פֿון שפּראַכיקע קאָנטאַקטן צווישן צוויי שכנותדיקע באַפֿעלקערונגען. אַ באַוואוסטזיניקער פּראָצעס פֿון דיפֿערענצירונג ווערט פּאָסטולירט, אַ באַוואוסטזיניקער פּראָצעס וועלכער האָט געפֿירט צום אויפֿקום פֿון באַזונדערע אַרויסריין פֿון די טבֿריהר לייען־סימנים צירה, קמץ און חולם אין דער קריאה פֿון טעקסטן מיט ניקוד.

נאָך מער אינטערעסירט אונדז דאָ דער צווייטער טייל פֿון אדם הכהנס טעאָריע. אינעם סעמיטישן חלק אין יידיש, להיפּוך צו דער אַשכּנזישער הבֿרה, זײַנען פֿאַראַן אַ סך פֿאַלן אין וועלכע די ענטפֿערער פֿון צירה, קמץ און חולם זײַנען דווקא יאָ אידענטיש מיט סגול, פּתח און קמץ קטן; למשל דער וואָקאַל אין

*גר*, *לץ*, *שד* וואו טבֿריה לייענט צירה איז אין יידיש אידענטיש מיטן וואָקאַל אין *אבֿיון*, *הפֿקר*, *חדווה* וואו טבֿריה לייענט סגול („טבֿריה״ הייסט דאָ די ס י ס ט ע ם, און ווי אַ סיסטעם איז עס חל אויף עלטערע לשון־קודשדיקע און אַראַמישע ווערטער צי זיי געפֿינען זיך אין טבֿריהר תנ״ך צי ניט). דער וואָקאַל אין *כלל*, *כתבֿ*, *פרט* וואו טבֿריה לייענט קמץ איז אין יידיש אידענטיש מיטן וואָקאַל אין *בטלן*, *גנבֿ*, *שבת* וואו טבֿריה לייענט פתח; דער וואָקאַל אין *כוס*, *סוד*, *סופֿרים* וואו טבֿריה לייענט חולם איז אין יידיש אידענטיש מיטן וואָקאַל אין *חכמה*, *ערלה*, *קרבן* וואו טבֿריה לייענט קמץ קטן. דערפֿון ווערט פֿאַר אדם הכהנען געדרונגען אַז די טיפּן *גר*, *לץ*, *שד*; *כלל*, *כתבֿ*, *פרט*; *כוס*, *סוד*, *סופֿרים* זײַנען לעבעדיקע רעשטלעך אין יידיש פֿון דער אַמאָליקער קריאה; רעשטלעך אין דער גערעדטער שפּראַך וואָס האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן דער קאָדיפֿיצירטער אַשכנזישער קריאה וואָס איז אויפֿגעקומען אונטער דײַטשישער השפּעה. עד כאן אדם הכהן.

אדם הכהן האָט איגנאָרירט וואָס אין אַ סך פֿאַלן זײַנען די ענטפֿערער פֿון צירה, קמץ און חולם אינעם סעמיטישן חלק שוין גאָר דיפֿערענצירט פֿון סגול, פּתח און קמץ קטן, למשל: די טיפּן *גרים*, *לצים*, *שדים*; *כללים*, *כתבֿים*, *פרטים*; *כוסות*, *סודות*, *סופֿר*. ש. אײַזענשטאַט אין זײַן ניט־געראָטענעם פּרוּוו אויף צו קלאַסיפֿיצירן די יידישע דיאַלעקטן האָט אויך אַרויסגעזאָגט די מיינונג אַז דער סעמיטישער חלק איז לכתחילה כאַראַקטעריזירט געוואָרן דורך אַ „ספֿרדישן״ אַרויסרייד (אײַזענשטאַט 1908: 89; זע אויך שולמאַן 1898: 42).

אַ תיקון האָט אדם הכהנס טעאָריע באַקומען אין 1913 אין די אַרבעטן וואָס ח. טשעמערינסקי און מ. ווײַנגער האָבן פֿאַרעפֿנטלעכט אין ש. ניגערס *פּנקס*, דער זאַמלבוך מיט וועלכן ס'ווערט געבאָרן די נײַע יידישע פֿילאָלאָגיע. טשעמערינסקיס אַרבעט איז וואַסערדיק, פֿול מיט מעטאָדאָלאָגישע חסרונות, ווי מ'קען זען סײַ פֿונעם אַרטיקל גופֿא סײַ פֿון בער באָראָכאָווס הערות צום סוף (באָראָכאָוו 1913ג). דאָך האָט טשעמערינסקי דער ערשטער דערזען די שײַכותדיקע פֿאָנעטישע שכנות פֿון די אַזוי אָנגערופֿענע „ספֿרדיזמען״ אינעם סעמיטישן חלק (טשעמערינסקי 1913: 63-61). פֿאָרמולירט האָט ער עס בפֿירוש נאָר פֿאַר צוויי פֿון די דרײַ פּאָרלעך. די זעלביקע פֿאָנעטישע שכנות איז אָבער שייך אַלע דרײַ פּאָרלעך: די טיפּן *גר*, *לץ*, *שד*; *כלל*, *כתבֿ*, *פרט*; *כוס*, *סוד*, *סופֿרים*, טרעפֿן זיך אין פֿ אַ ר מ אַ כ ט ע

טראַפֿן. די טיפֿן *גרים, לצים, שדים*; *כּללים, כּתבֿים, פּרטים*; *כּוסות, סודות, סופֿר*, טרעפֿן זיך אין אָ פּ ע נ ע טראַפֿן. בײַם פֿאַרגלײַכן אָט אָ די אַנטדעקטע פֿאָנעטישע שכנות מיט דער פֿאַרלענגערונג אין אָפֿענע טראַפֿן פֿון די ענטפֿערער אין גערמאַנישן חלק פֿון די מיטל־הויך־דײַטשישע לכתחילה קורצע וואָקאַלן, איז טשעמערינסקי געקומען לידי מסקנא אַז דער פּראָצעס איז אין ביידע חלקים דער זעלביקער. טשעמערינסקיס צושטײַער צו דער אַנטוויקלונג פֿון דער סטאַנדאַרדער טעאָריע איז דער באַגריף פֿאַרלענגערונג אין אָפֿענעם טראַף. אין זעלביקן ווילנער *פּנקס* האָט מ. ווײַנגער די זעלביקע טעאָריע פֿאָרגעשלאָגן, קורץ און שאַרף און וויסנשאַפֿטלעך (ווײַנגער 1913: 80-82). ער האָט אָבער אָנגעוויזן אין אַ הערה אַז די פֿאָנעטישע שכנות איז ער בײַ טשעמערינסקין געוואָר געוואָרן.

דער ווײַטערדיקער שטאַפּל אין דער סטאַנדאַרדער טעאָריע איז געווען דער צושטײַער פֿון דער פֿאָרשונג איבערן עלטערן לשון־קודשדיקן ניקוד. אויפֿן סמך פֿון אַ היפּשער צאָל אַלטע אַשכּנזישע כּתבֿ־ידן האָט חנוך ילון אויפֿגעוויזן אַז די גראַפֿישע אָפּאָזיציעס צווישן צירה און סגול פֿון איין זײַט און קמץ און פּתח פֿון דער אַנדערער זײַנען שטאַרק מטושטש אין אַמאָליקן אַשכּנזישן ניקוד (ילון 1938: 63-66; 1939א: 11; 1939ב: 33-34; 1942א; 1942ב; 1943: 51-52). ווײַטערדיקע פֿאָרשונגען איבער אַלטע אַשכּנזישע כּתבֿ־ידן האָבן באַשטעטיקט ילונס אויספֿירן (זע למשל קלאַר 1951: 73; הלוי 1957: 217; בית־אריה 1965: 34-37, 101-102; אלדר 1975: 207; 1976: 40, 45; 1978: 16-32). ילון איז געקומען צו די זעלביקע צוויי מסקנות וואָס אדם הכהן נאָר וואָס, מיט אַ סך באַווײַזן צו דער האַנט. די ערשטע מסקנא זײַנע איז אַז די סיסטעם קריאה אין אַמאָליקן אַשכּנז איז געווען נאָענט צו דעם וואָס מ'רופֿט הײַנט די ספֿרדישע הבֿרה, אַ פֿינף־וואָקאַלישע סיסטעם. דערפֿאַר האָבן די נקדנים געפּלאָנטערט צירה מיט סגול און קמץ מיט פּתח. די צווייטע מסקנא איז דירעקט נוגע דעם סעמיטישן חלק אין יידיש. ילון טענהט אײנאייגעם מיט אדם הכהנען, טשעמערינסקין און ווײַנגערן אַז די טיפֿן *גר*, *כּלל*, *כּוס* זײַנען רעשטלעך פֿון דער אַמאָליקער קריאה וואָס האָבן זיך דערהיט אין דער גערעדטער שפּראַך (ילון 1938: 63, 1942א: 27). ילונס נאָכפֿאָלגער אין דער פֿאָרשונג פֿונעם עלטערן ניקוד, בתוכם מורג און אלדר, האַלטן זיך בײַ זײַנע מסקנות אויך בנוגע דעם סעמיטישן חלק אין יידיש (מורג

1971: 1130; אַלדער 1976: 48). אדם הכהן האָט פּאָסטולירט אַז תחילת איז די אַשכנזישע קריאה גאָר געווען אַ פֿינף־וואָקאַלישע סיסטעם. אַנטוויקלט די טעאָריע מיט ראיות האָט ילון. אדם הכהן האָט פּאָסטולירט אַן „אַשכנזירונג“ אונטער דײַטשישער השפּעה, אַנטוויקלט די טעאָריע מיט ראיות האָט טשעמערינסקי.

אײדער מ׳קען אַריבער „פֿאַרהערן“ די סטאַנדאַרדע טעאָריע איבערן וואָקאַליזם פֿון סעמיטישן חלק מוז מען דערמאָנען די טעאָריע פֿון מאַקס ווײַנרײַכן וועגן „בבֿלישן רענעסאַנס“ (מ. ווײַנרײַך 1954: 93-99; 1963-1964: 325-326; 1973: II, 31-32). אָט די פֿאַנטאַסטישע טעאָריע האַלט אַז מלמדים פֿון ב בֿ ל האָבן פֿאַרשפּרייט אין אַ ש כ נ ז די לייען־סיסטעם פֿון ט בֿ ר י ה. אַזוי אַרום באַקומט זיך אַז די טיפֿן *גר*, *כלל*, *כּוס* זײַנען רעשטלעך וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פֿונעם „רענעסאַנס“. דער „בבֿלישער רענעסאַנס“ איז שוין אַ סך מאָל קריטיקירט געוואָרן (זע זיסקינד 1965: 10-11, 13-14; מורג 1971: 1128-1130; בן־נון 1974: 315; אַלדער 1976: 47-48). אָט די עקזאָטישע טעאָריע טאָר ניט פֿאַרקלענערן מיט אַ האָר די אײביקע גרויסקײַט פֿונעם לעבנס־ווערק פֿונעם גרויסן היסטאָריקער פֿון דער ייִדישער שפּראַך. פֿון דער אַנדערער זײַט טאָר מען זיך ניט אָפּזאָגן פֿונעם חובֿ אָפּצופֿרעגן דאָרטן וואו מ׳דאַרף. ניט נאָר די סיסטעם וואָקאַלן פֿונעם סעמיטישן חלק ווערט צוגעשריבן דעם „רענעסאַנס“. די טעאָריע דינט ווי אַ מין אוניווערסאַלע רפֿואה צו אַלע ספֿקות אין דער פֿאָנאָלאָגישער געשיכטע פֿונעם סעמיטישן חלק. דער „רענעסאַנס“ ווערט פּאָסטולירט למשל, אַמאָל טענטאַטיוו, אַמאָל אָן באַוואָרעניש בײַ דער ü רעאַליזירונג פֿונעם קובוץ (מ. ווײַנרײַך 1963-1964: 235; 1973: II, 12, 18, 275); בײַ דער ŏ רעאַליזירונג פֿונעם קובוץ (מ. ווײַנרײַך 1963-1964: 235; 1973: II, 10, 19); בײַ דער מלעיל אַקצענטירונג (מ. ווײַנרײַך 1963-1964: 326-327; 1973: II, 32-33); בײַ דער נול רעאַליזירונג פֿון שוא (מ. ווײַנרײַך 1963-1964: 327; 1973: II, 35-36); בײַ דער ɔ רעאַליזירונג פֿון קמץ (מ. ווײַנרײַך 1973: IV, 26); בײַ דעם אַרויסרייד פֿון צדיק ווי אַן אַפֿריקאַט (מ. ווײַנרײַך 1963-1964: 328; 1973: II, 36); בײַ דער איבערגרופּירונג פֿון די סיבילאַנטן (מ. ווײַנרײַך 1963-1964: 329; 1973: II, 38); בײַ דער דיפֿערענצירונג פֿון הא און חית (מ. ווײַנרײַך 1958ב: 116; 1973: II, 40).

דאָס ווײַטיקסטע איז וואָס מאַקס ווײַנרײַך האַלט מיט אדם הכּהנען, טשעמערינסקין, ווײַנגערן און ילונען אַז אינעם סעמיטישן חלק זײַנען לכתּחילה געווען נאָר פֿינף קורצע וואָקאַלן אַזוי ווי אין דער אַזוי אָנגערופֿענער ארץ ישׂראלדיקער קריאה און אין דער ספֿרדישער הבֿרה (מ. ווײַנרײַך 1954: 91-92; 1963-1964: 241; 1973: II, 20-21). ווײַנרײַך איז דורכויס מסכּים מיט זײַנע פֿאָרגייער אַז לאַנגע וואָקאַלן זײַנען „אויפֿגעקומען”, אַז די טיפּן *גר*, *כּלל*, *כּוס* זײַנען „רעשטלעך”. אינעם ערשטן נוסח פֿון זײַן קדמון סכעמע האָט ווײַנרײַך אידענטיפֿיצירט דעם צירה מיט אַ לכתּחילה לאַנגן וואָקאַל אינעם גערמאַנישן חלק און דער מעמד פֿון קמץ און פֿון חולם איז געבליבן אָפֿן (מ. ווײַנרײַך 1960ב: 66-68). אינעם לעצטן נוסח אידענטיפֿיצירט ער שוין אַלע דרײַ וואָקאַלן אָן ספֿקות מיט לכתּחילה קורצע, שפּעטער פֿאַרלענגערטע וואָקאַלן אינעם גערמאַנישן חלק (מ. ווײַנרײַך 1973: II, 334, 352-354).

דעריבער דאַרף מען באַמערקן אַז די אַטאַקעס פֿון מורגן (1971: 1130) און אלדרן (1976: 47-48) זײַנען ניט אינגאַנצן באַרעכטיקט לויט די אייגענע פּערספּעקטיוון זייערע. אינעם קאַפּיטל איבערן סעמיטישן חלק פּאָסטולירט טאַקע ווײַנרײַך דעם „בבֿלישן רענעסאַנס”. אינעם קאַפּיטל איבערן קדמון וואָקאַליזם ווערן אָבער די איצטיקע לאַנגע וואָקאַלן אינעם סעמיטישן חלק אידענטיפֿיצירט מיט די לכתּחילה קורצע פֿונעם גערמאַנישן חלק אַזוי אַרום אַז לויט אָט דעם קאַפּיטל איז ווײַנרײַך מיט זיי אינגאַנצן מסכּים. אָט דער אײַנדרוק ווערט שטאַרקער בײַם לייענען דעם קאַפּיטל איבערן וואָקאַליזם פֿונעם גערמאַנישן חלק וואו ער זאָגט בפֿירוש אַז די עצם עקזיסטענץ פֿון דער אָפּאָזיציע קורצע כּנגד לאַנגע וואָקאַלן האָט זיך פֿון גערמאַנישן חלק „אַריבערגעטראָגן אויפֿן וואָקאַליזם פֿון דער ג אַ נ צ ע ר שמעלץ־שפּראַך ייִדיש” (מ. ווײַנרײַך 1973: II, 124). קען אויסקומען אַז דאָס זײַנען „שני כּתובֿים המכחישים זה את זה” — אין איין פּרק קומט דער „בבֿלישער רענעסאַנס”, און אין אַן אַנדער פּרק קומט גערמאַנישע השפּעה, ביידע אויף צו פֿאַרענטפֿערן די זעלביקע קשיא. איז אָבער דער קאַפּיטל „סעלעקטיווקײַט און אויפֿשמעלצונג” דער כּתובֿ השלישי וואָס איז מכריע ביניהם. דאָרטן ווערן די ביידע טעאָריעס צונויפֿגעבראַכט מיט דער טענה אַז ביידע פֿאַקטאָרן האָבן עס (צופֿעליק?) געפּועלט, ס'ווערט באַטראַכט ווי אַ דוגמא פֿון

„קאָנוווערגענץ" (מ. ווײַנרײַך 1973: II, 274).

ניט א ל ע פּילאָגן וועלכע האָבן זיך מיטן ענין אָפּגעגעבן זײַנען שטרענגע חסידים פֿון דער סטאַנדאַרדער טעאָריע. אַ ספּעציעלע באַטראַכטונג פֿאַרדינען בן־נונס אָריגינעלע געדאַנקען (בן־נון 1973: 267-269, 278-285). אין אַלגעמיין אָבער זײַנען די יסודות וואָס אדם הכהן האָט געבויט פֿאַר דער היסטאָרישער פֿאָנאָלאָגיע פֿונעם סעמיטישן חלק אין 1874 די זעלביקע אויף וועלכע די סטאַנדאַרדע טעאָריע איבערן וואָקאַליזם בויט זיך עד היום. אָט די טעאָריע איבערן וואָקאַליזם האָט זיך אײַנגעבירגערט ווי אַן אינטעגראַלער טייל פֿון דער סטאַנדאַרדער טעאָריע איבערן עצם אויפֿקום פֿונעם סעמיטישן חלק (II§).

## X

## די רעקאָנסטרוקציע פֿונעם וואָקאַליזם פֿון סעמיטישן חלק

די אָנגענומענע מיינונג איבער דער געשיכטע פֿונעם לשון־קודשדיקן ניקוד אין אַשכנז איז אַ פּרשה פֿאַר אַ צווייטער געלעגנהייט. די אינטערפּרעטאַציע פֿונעם ניקוד און זײַן חשיבֿות פֿאַר דער געשיכטע פֿון יידיש איז אָבער גאָר אַן אַנדער זאַך. די אַלע אויפֿווײַזן פֿון אַלטע אַשכנזישע כּתבֿ־ידן אין וועלכע צירה און סגול פֿון איין זײַט און קמץ און פּתח פֿון דער אַנדערער זײַט ווערן געפּלאָנטערט זײַנען אַ באַווײַז אַז נקדנים אין געוויסע ערטער האָבן ניט אָפּגעהיט די טבֿריהר נאָרמעס. פֿון אָט די כּתבֿ־ידן אַליין איז אָבער קיין זאַך ניט געדרונגען וואָס איז שייך דעם ג ע ר ע ד ט ן סעמיטישן חלק אין יידיש.

די פֿאָנאָלאָגיע פֿונעם סעמיטישן חלק איז אין איטלעכן יידישן דיאַלעקט אַנדערש איידער די פֿאָנאָלאָגיע פֿון דער אַשכנזישער קריאה אין זעלביקן שטח. אינעם סעמיטישן חלק פֿון איטלעכן דיאַלעקט זײַנען פֿאַראַן ענטפֿערער פֿון היסטאָריש לאַנגע און קורצע וואָקאַלן אין אָפֿענע טראַפֿן אָבער אין פֿאַרמאַכטע טראַפֿן נאָר פֿון היסטאָריש קורצע וואָקאַלן. די ענטפֿערער פֿון צירה, קמץ און חולם טרעפֿן זיך נאָר אין אָפֿענע טראַפֿן בעת אין פֿאַרמאַכטע טראַפֿן זײַנען די אָפּאָזיציעס צירה כּנגד סגול, קמץ כּנגד פּתח און חולם כּנגד קמץ קטן

נייטראַליזירט און מ'טרעפֿט נאָר די ענטפֿערער פֿון סגול, פּתח און קמץ קטן, אַחוץ אַ פּאָר סעמאַנטיש דעפֿיניִרטע יוצא־מן־הכּללן (אַשטייגער נעמען פֿון אותיות). אָט אָ די נייטראַליזירונג אין פֿאַרמאַכטע טראַפֿן איז גורם סיסטעמאַטישע סינכראָנישע וואָקאַלישע אַלטערנאַציעס אין איטלעכן דיאַלעקט פֿון ייִדיש, דער טיפּ *שדים* כּנגד *שד*, דער טיפּ *פּרטים* כּנגד *פּרט*, דער טיפּ *סופֿר* כּנגד *סופֿרים*: אין האָלענדישן ייִדיש šéjdəm ~ šɛd, prṓtəm ~ prat, sóufər ~ sófrəm; אין צענטראַל־מזרח ייִדיש šájdəm ~ šɛd, prū́təm ~ prat, sójfər ~ sófrəm; אין דרום־מזרח ייִדיש šéjdəm ~ šɛd, prútəm ~ prat, sójfər ~ sófrəm; אין צפֿון־מזרח ייִדיש šéjdim ~ šɛd, prótim ~ prat, séjfər ~ sófrim.

אין דער אַשכּנזישער קריאה פֿון איטלעכן דיאַלעקטישן שטח זײַנען אָבער פֿאַראַן ענטפֿערער פֿון לאַנגע און קורצע וואָקאַלן סײַ אין אָפֿענע סײַ אין פֿאַרמאַכטע טראַפֿן. די אָפּאָזיציעס צירה כּנגד סגול, קמץ כּנגד פּתח און חולם כּנגד קמץ קטן זײַנען חל אין אַלערלייאיקע טראַפֿן. היות ווי ס'איז ניטאָ קיין נייטראַליזירונג אין פֿאַרמאַכטע טראַפֿן זײַנען ניטאָ קיין וואָקאַלישע אַלטערנאַציעס (אין פֿאַל פֿון קמץ אַן אַנדער אַלטערנאַציע וואָס געהערט אַן אַנדער פּרשה): אין האָלענדישן אַשכּנזיש šɛjdim, šɛjd; prōtim, prɔt; sɔufɛjr, sɔuf(ə)rim; אין צענטראַל־מזרח אַשכּנזיש šajdim, šajd; prūtim, prɔt; sɔjfɛjr, sɔjf(ə)rim; אין דרום־מזרח אַשכּנזיש šejdim, šejd; prutim, prɔt; sɔjfɛjr, sɔjf(ə)rim; אין צפֿון־מזרח אַשכּנזיש šejdim, šejd; prɔtim, prɔt; sejfɛjr, sejf(ə)rim.

אָט דאָס בילד לאָזט זיך רעקאָנסטרויִרן אויף דרײַ אופֿנים, ואלו הן:

די ערשטע ברירה איז אַז דער סעמיטישער חלק איז אַרײַן אין ייִדיש נ אָ ך ד ע ם ווי די אַשכּנזישע קריאה איז נאָרמאַליזירט געוואָרן (אויב מ'נעמט אָן אַז די איז ערשט שפּעטער אויפֿגעקומען בײַ אַשכּנזים דורך נאָרמאַליזירונג, אַז די איז ניט קיין געירשנטע). אויב דער סעמיטישער חלק וואָלט אַרײַן אין ייִדיש נאָך דער פּאָסטולירטער נאָרמאַליזירונג פֿון אַשכּנזיש בערך אין דרײַצנטן יאָרהונדערט וואָלט ער דאָך געהאַט לאַנגע און קורצע וואָקאַלן סײַ אין אָפֿענע סײַ אין פֿאַרמאַכטע טראַפֿן פּונקט ווי דער אַשכּנזיש פֿון וועלכן ער שטאַמט. אין גערמאַנישן חלק זײַנען דאָך תּמיד געווען לאַנגע וואָקאַלן אויך אין פֿאַרמאַכטע טראַפֿן אַזוי אַז אַ סטרוקטורעלע מניעה איז אַוודאי ניט געווען. די וואָקאַלישע סיסטעם פֿונעם

סעמיטישן חלק אין איטלעכן יידישן דיאַלעקט איז אָבער אַ ראַדיקאַל אַנדערשדיקע איידער די לאָקאַלע אַשכּנזישע קריאה. אינעם סעמיטישן חלק ווערט די אָפּאָזיציע לאַנגער וואָקאַל כּנגד קורצער וואָקאַל נייטראַליזירט אין פֿאַרמאַכטע טראַפֿן אַזוי אַרום אַז אין פֿאַרמאַכטע טראַפֿן טרעפֿן זיך נאָר קורצע וואָקאַלן. די ערשטע ברירה איז דעריבער אַ לאָגישע אוממעגלעכקייט.

די צווייטע ברירה איז אַז דער סעמיטישער חלק איז אַרײַן אין יידיש פֿ אַ ר ד ע ם ווי די אַשכּנזישע קריאה איז נאָרמאַליזירט געוואָרן. אויב דער סעמיטישער חלק וואָלט אַרײַן אין יידיש פֿאַר דער פּאָסטולירטער נאָרמאַליזירונג פֿון אַשכּנזיש בערך אין דרײַצנטן יאָרהונדערט וואָלט ער דאָך געהאַט בלויז קורצע וואָקאַלן אין אַלערלייאיקע טראַפֿן פּונקט ווי די פֿאַר־אַשכּנזישע קריאה פֿון וועלכער ער שטאַמט. אין גערמאַנישן חלק זײַנען דאָך פֿריער געווען קורצע וואָקאַלן אויך אין אָפֿענע טראַפֿן אַזוי אַז אַ סטרוקטורעלע מניעה איז אַוודאי ניט געווען. די וואָקאַלישע סיסטעם פֿונעם סעמיטישן חלק אין איטלעכן יידישן דיאַלעקט איז אָבער אַ ראַדיקאַל אַנדערשדיקע איידער די פֿינף־וואָקאַלישע סיסטעם פֿון דער פֿאַר־אַשכּנזישער קריאה. אינעם סעמיטישן חלק איז די אָפּאָזיציע לאַנגער וואָקאַל כּנגד קורצער וואָקאַל אין די פּאָרלעך צירה ~ סגול און קמץ ~ פּתח נ י ט נייטראַליזירט אין אָפֿענע טראַפֿן. די אָפֿנטראַפֿיקע אָפּאָזיציע־טיפּן *בהמה* כּנגד *מחותנתטע* און *פּנים* כּנגד *נחת* זײַנען חל אינעם סעמיטישן חלק פֿון איטלעכן יידישן דיאַלעקט מיט פֿאַרשידענע קאָנקרעטע רעאַליזירונגען אין איטלעכן דיאַלעקט — אין האָלענדישן יידיש bəhɛ̃́jmə כּנגד məxŏtɛ̃́nəstə און pɔ̃́nəm כּנגד nā́xəs; אין צענטראַל־מיזרח יידיש bəhā́jmə כּנגד maxətéjnəstə און pū́nəm כּנגד náxəs אָדער nā́xəs. אין דרום־מיזרח יידיש האָבן זיך bəhéjmə און maxətéjnəstə צונויפֿגעגאָסן אין ej אין אַחוץ אין פֿאָדאָליער געגנט וואו ס'איז bəhéjmə כּנגד maxətī́nəstə; אין גאַנץ דרום־מיזרח יידיש באַווײַזט זיך די אָפּאָזיציע pū́nəm כּנגד náxəs; און, לסוף, אין צפֿון־מיזרח יידיש, bəhéjmə כּנגד maxətɛ́nəstə און pɔ́nəm כּנגד náxəs. בכּדי אָנצונעמען די צווייטע ברירה מוז מען פּאָסטולירן אַז די אָפֿנטראַפֿיקע אָפּאָזיציעס זײַנען אויפֿגעקומען ווי אַ פּועל יוצא פֿון דער פֿאַרלענגערונג פֿון לכתּחילה קורצע וואָקאַלן אין גערמאַנישן חלק. אַזוי האַלט טאַקע די סטאַנדאַרדע טעאָריע איבערן וואָקאַליזם פֿונעם סעמיטישן חלק (§IX).

די דריטע ברירה איז אַז דער סעמיטישער חלק איז לכּתחילה געווען אין יידיש, אַז ער איז אַרײַנגעבראַכֿט געוואָרן אין די לעבעדיקע רייד פֿון די יידן וועלכֿע האָבן זיך באַזעצט אין אַשכּנז. פֿאַר דער דריטער ברירה זײַנען די טעאָריעס איבער אַלטע לשון־קודשדיקע כּתבֿ־ידן מיט פֿאַרשידענע סיסטעמען ניקוד ניט שייך. לויט דער דריטער ברירה זײַנען די אַלטערנאַציעס גופֿא — די טיפּן *שדים ~ שד, פּרטים ~ פּרט, סופֿר ~ סופֿרים* — אַרײַן אין אייראָפּע בתורת **געירשנטע אַלטערנאַציעס**. דאָס הייסט אַז דער סעמיטישער חלק אין דער שמועסשפּראַך איז אַרײַן מיט אַ וואָקאַלישער סיסטעם אין וועלכֿער די אָפּאָזיציע לאַנגער וואָקאַל כּנגד קורצער וואָקאַל איז חל אין אָפֿענע טראַפֿן, נייטראַלידירט אין פֿאַרמאַכֿטע טראַפֿן. אָט די וואָקאַלישע סיסטעם היט זיך אויף ביזן הײַנטיקן טאָג אינעם סעמיטישן חלק פֿון איטלעכן דיאַלעקט פֿון יידיש אָן אויסנאַם.

די ערשטע ברירה, **אַ שפּעטער אַרײַנקום** פֿונעם סעמיטישן חלק, איז לאָגיש און פֿאָנאָלאָגיש אוממעגלעך.

די צווייטע ברירה, **אַ פֿריִער אַרײַנקום** פֿונעם סעמיטישן חלק, פּאָסטולירט פֿאַרלענגערונג אין אָפֿענע טראַפֿן אונטער גערמאַנישער השפּעה. לויט אָט דער צווייטער ברירה וואָלט דער סעמיטישער חלק ערשטנס געמודט אַרײַן אין יידיש **פֿאַר** דער פֿאַרלענגערונג פֿון קורצע וואָקאַלן אין גערמאַנישן חלק, און צווייטנס **פֿאַר** דער נאָרמאַלידירונג פֿון דער אַשכּנזישער קריאה. אַזוי אַרום איז די טעקסטן־טעאָריע מודה אין אַ גאָר פֿריִען אַרײַנקום פֿונעם סעמיטישן חלק, כּמעט אַפּריאָרי האַלט זי פֿון אַ כּסדר וואַקסנדיקן אַרײַנפֿליסנדיקן שטראָם פֿון די טעקסטן (§V).

די דריטע ברירה, **תּחילתדיקע עקזיסטענץ** פֿונעם סעמיטישן חלק, בהסכּם מיט דער ירושה־טעאָריע, פּאָסטולירט געירשנטע אַלטערנאַציעס. בײַם אָפּפּסקענען צווישן אָט די צוויי ברירות קומען מיר אַ היפּש ביסל נענטער צום באַשייד פֿונעם אורשפּרונג פֿונעם סעמיטישן חלק אין יידיש און בשעת מעשה, צום אורשפּרונג פֿון יידיש.

## XI

## די אָפּאָזיציעס חולם כּנגד קמץ קטן און צירה כּנגד סגול

די היסטאָרישע רעקאָנסטרוקציע קען קיין זאַך ניט פּועלן בײַ דער פֿראַגע פֿון חולם כּנגד קמץ קטן מחמת דעם וואָס די פֿאַרשפּרייטונג פֿון די בײדע וואָקאַלן איז אַ דערגאַנצעוודיקע. די דיאַפֿאָנעם וואָקאַל 42, דער ענטפֿערער אין ייִדיש פֿונעם חולם, טרעפֿט מען אינעם סעמיטישן חלק נאָר אין אָפֿענע טראַפֿן (מיט ווינציק יוצא־מן־הכּללן, למשל אין מזרחדיקן ייִדיש *הוית*, *המון*, *חובֿ*) בעת די דיאַפֿאָנעם 41, דער ענטפֿערער פֿונעם קמץ קטן (און פֿונעם נייטראַליזירטן פֿאַרמאַכטראַפֿיקן חולם) טרעפֿט זיך נאָר אין פֿאַרמאַכטע טראַפֿן. דער איינציקער באַקאַנטער פֿאַל וועלכֿער איז סינכראָניש גערעדט אַ יוצא־מן־הכּלל איז *חגא* וואָס באַווײַזט זיך ווי xɔ́gə אומעטום. די טבֿריהר פֿאָרמע איז אָבער ḥɔ̆ggɔ́ וואו דער ערשטער טראַף איז פֿאַרמאַכט און אומאַקצענטירט — אַניט וואָלט דאָך דער ערשטער וואָקאַל קיין קמץ קטן ניט געווען. אַזוי ווי דער ערשטער טראַף איז געווען אַ פֿאַרמאַכטער וואָס האָט זיך אויפֿגעעפֿנט אַדאַנק דער דעגעמינירונג און דעם איבעררוק פֿונעם טראָף, איז *חגא* היסטאָריש גערעדט בכּלל ניט קיין יוצא־מן־הכּלל. אַחוץ דיאַלעקטיש באַגרענעצטע יוצא־מן־הכּללן וואָס זײַנען גאָר ווינציק אין צאָל איז די היסטאָרישע דערגאַנצעוודיקע שפּרייטונג פֿון די וואָקאַלן 41 און 42 אַ פּערפֿעקטע אינעם סעמיטישן חלק. אַזוי אַרום לערנט מען אָפּ דערפֿון: גאָרניט.

אַ סך מער לאָזט זיך דרינגען פֿון די ייִדישע ענטפֿערער פֿון צירה און סגול. די טבֿריהר וואָקאַלן צירה און סגול (אַרײַנגערעכֿנט חטף סגול) האָבן דרײַ ייִדישע ענטפֿערער, די דיאַפֿאָנעמען 21, 22 און 25: דער טיפּ *אמת*, *אפֿשר*, *הפֿקר* מיט 21, דער טיפּ *גירוש*, *כּלים*, *לאה* מיט 22 און דער טיפּ *בגד*, *חסד*, *רגע* מיט 25. אין האָלענדישן ייִדיש: ɛ́məs, ɛ́fšər, hɛ́fkər כּנגד gɛ́jrəš, kɛ́jləm, lɛ́jə כּנגד bɛ̄́gəd, xɛ̄́səd, rɛ̄́gə; אין צענטראַל־מזרח ייִדיש: ɛ́məs, ɛ́fšər, hɛ́fkər כּנגד gájrəš, kájləm, lájə כּנגד béjgəd, xéjsəd, réjgə; אין דרום־מזרח ייִדיש: ɛ́məs, ɛ́fšər, hɛ́fkər כּנגד géjrəš, kéjləm, léjə צונויפֿגעגאָסן מיט béjgəd, xéjsəd, réjgə אַחוץ אין פּאָדאָליער געגנט וואו ס'איז bígəd, xísəd, rígə; אין צפֿון־מזרח ייִדיש:

ɛ́məs, ɛ́fšər, hɛ́fkər צונויפֿגעגאָסן מיט bɛ́gəd, xɛ́səd, rɛ́gə כנגד géjrəš, kéjlim, léjə. די פֿראַגע, צי קענען אַלע דרײַ דיאַפֿאָנעמען, וואָקאַל 21 (ɛ אין אַלע דיאַלעקטן), וואָקאַל 22 (האָלענדיש יידיש ɛj ‖ צענטראַל־מזרח יידיש aj ‖ דרום־מזרח און צפֿון־מזרח יידיש ej) און וואָקאַל 25 (האָלענדיש יידיש ē ‖ צענטראַל־מזרח יידיש ej ‖ דרום־מזרח יידיש ej אָדער i ‖ צפֿון־מזרח יידיש ɛ) שטאַמען פֿון איין קדמון וואָקאַל לאָזט זיך גרינג פֿאַרענטפֿערן דורך דער אינעווייניקסטער רעקאָנסטרוקציע. די וואָקאַלן 21 און 25 זײַנען אין אַ היסטאָריש פּערפֿעקטער דערגאַנצעוודיקער שפּרייטונג. יעדער 21 איז ג ע וו אָ ר ן 25 אין אַקצענטירטע אָפֿענע טראַפֿן. נאָכדעם ווי דער אַקצענטירטער אָפֿנטראַפֿיקער 21 איז פֿאַרלענגערט געוואָרן, איז ג ע וו אָ ר ן 25. האָט זיך דער טראָפּ איבערגערוקט אויף מלעיל אַזוי אַרום אַז דער טיפּ *אלול*, (די פּרשה) *אמור*, *אמת* (אַלע מיט חטף סגול) איז בכלל ניט פֿאַרלענגערט געוואָרן אויף 25. איז די אָפּאָזיציע 21 כנגד 25 שפּעטער געוואָרן אַ פֿאָנעמישע. אָבער 25 פֿון איין זײַט און 22 פֿון דער אַנדערער זײַט קענען בשום אופֿן ניט שטאַמען פֿון אַן איינאיינציקן קדמון וואָקאַל מחמת דעם וואָס דיי שטייען אָפּטמאָל אין פּונקט דער זעלביקער פֿאָנעטישער שכנות, דהײַנו אין אַקצענטירטע אָפֿענע טראַפֿן. די אָפֿנטראַפֿיקע אָפּאָזיציע צירה (וואָקאַל 22) כנגד סגול (די וואָקאַלן 21 און 25) האָט דעריבער ג ע מ ו ז ט שוין זײַן בנמצא אין קדמון יידיש. די אָנגענומענע טעאָריע אַז דער אָפֿנטראַפֿיקער צירה ענטפֿערט איז „אויפֿגעקומען" דורך פֿאַרלענגערונג האָט ניט קיין האַפּט.

## XII

## דער היסטאָרישער מהות פֿונעם אָפֿנטראַפֿיקן קמץ

בײַם באַטראַכטן דעם היסטאָרישן מהות פֿון אָפֿנטראַפֿיקן קמץ דאַרף מען ראשית כל האַלטן פֿאַרן אויג אַז די קשיא איז, צי איז דער אָפֿנטראַפֿיקער קמץ ענטפֿערער אין סעמיטישן חלק פֿון יידיש שפּעטער אויפֿגעקומען דורך פֿאַרלענגערונג ווי ס'האַלט די סטאַנדאַרדע טעאָריע (§IX), צי האָבן קמץ און

פּתח בײַ אַשכּנזים מלכתּחילה געהאַט באַזונדערע אַרויסרײדן אין אָפֿענע טראַפֿן ווי ס'האַלט די ירושה־טעאָריע (§X). די פֿראַגע איין קדמון וואָקאַל צי צוויי איז אַן ענין פֿון פֿאָנאָלאָגישער אָפּאָזיציע. אין וועלכער ניט איז תּקופֿה, אויב דער קמץ איז געווען פֿאָנעטיש געקײַלעכט איז ער במילא געווען אַנדערש אײדער דער פּתח. וואָס איז שייך אָט דער פֿאָנעטישער פֿראַגע וואָס האָט אויך אַ גרויסע פֿאָנאָלאָגישע חשיבֿות האַלטן מיזעס (1924: 1-16), סגל (1928: 50; 1928-1929) און בירנבוים (1931) אַז די געקײַלעכטע רעאַליזירונג איז אַן אַלטע, איטלעכער פֿון די דרײַ נוצנדיק אַ באַזונדערן מעטאָד. קיין איינעם פֿון זײ איז אָבער ניט געלונגען אויפֿצואווײַזן מיט ראיות ניט אָפּצופֿרעגן אַז אין דער עלטסטער תּקופֿה פֿון יידיש איז דער קמץ געווען אַ געקײַלעכטער, אַזוי אַרום אַז די מיינונגען איבער דער קאָנקרעטער רעאַליזירונג זײַנען ניט בכּח צו לייזן די פֿאָנאָלאָגישע פּראָבלעם קמץ כּנגד פּתח אין דער געשיכטע פֿון יידיש. אָט די פּראָבלעם קען נאָר לייזן די רעקאָנסטרוקציע.

מחמת דעם וואָס אין יידיש זײַנען פֿאַראייניקט פֿאַרשידענע חלקים, איז מען אין אַ גליקלעכער סיטואַציע דערמיט וואָס אָפּטמאָל קען מען זיך באַנוצן מיטן קאָמפּאַראַטיוון מעטאָד, פֿאַרגלײַכנדיק געוויסע שטריכן פֿון איין חלק מיט די שײַכותדיקע שטריכן פֿון אַנדערן. אין איטלעכן הײַנטיקן יידישן דיאַלעקט ווערט דער קמץ ענטפֿערער רעאַליזירט אינאיינעם מיט אָן אַ שיעור ווערטער פֿונעם גערמאַנישן חלק. דער טיפּ *אַלמנה*, *חלום*, *כּבֿוד*, *פּטור*, *פּרנסה*, *קללה* ווערט רעאַליזירט אינאיינעם מיטן טיפּ *אָוונט*, *בלאָזן*, *זאָגן*, *טאָג*, *נאָדל*, *נאָמען*. אין צענטראַל־מזרח און דרום־מזרח יידיש: almúnə, xúləm, kúvəd, pútər, parnúsə, klúlə אינאיינעם מיט úvṇt, blúzṇ, zúgṇ, tug, núdḷ, númən (אין צענטראַל־מזרח יידיש איז די לענג פֿונעם u בדרך כּלל אַלאָפֿאָניש וואַריאירנדיק לויט בירנבוימס געזעץ, אין דרום־מזרח יידיש בדרך כּלל קורץ); אין צפֿון־מזרח יידיש almɔ́nə, xɔ́ləm, kɔ́vəd, pɔ́tər, parnɔ́sə, klɔ́lə, אינאיינעם מיט ɔ́vṇt, blɔ́zṇ, zɔ́gṇ, tɔ́g, nɔ́dḷ, nɔ́mən.

פֿון דער געשיכטע פֿון דײַטש ווייס מען אָבער אַז אָט די זעקס דוגמא־ווערטער פֿון גערמאַנישן חלק, וואָס האָבן דעם זעלביקן וואָקאַל אין איטלעכן מאָדערנעם יידישן דיאַלעקט, זײַנען די ענטפֿערער פֿון צוויי גאָר פֿאַרשידענע

וואָקאַלן אין מיטל־הויך־דײַטש. *אָוונט*, *בלאָזן*, *נאָדל* ענטפֿערן מיטל־הויך־דײַטש âbent, blâsen, nâdel מיט â בעת *טאָג*, *זאָגן*, *נאָמען* ענטפֿערן מיטל־הויך־דײַטש tac, sagen, name מיט a. פֿון דער גערמאַניסטיק ווערט מען הייסט דאָס געוואָר אַז דער ערשטער טיפּ — *אָוונט*, *בלאָזן*, *נאָדל* — האָט אַ לכתחילה לאַנגן וואָקאַל בעת דער צווייטער טיפּ — *טאָג*, *זאָגן*, *נאָמען* — האָט אַ לכתחילה קורצן וואָקאַל, וואָס ערשט שפּעטער איז ער פֿאַרלענגערט געוואָרן. אויב די סטאַנדאַרדע טעאָריע איז אַ ריכטיקע, האָט זיך דער טיפּ *אַלמנה*, *חלום*, *כּבֿוד*, *פּטור*, *פּרנסה*, *קללה* אַנטוויקלט אײנאײנעם מיט *טאָג*, *זאָגן*, *נאָמען*, כּלומר מיטן לכתחילה קורצן שפּעטער פֿאַרלענגערטן וואָקאַל. טאָמער פֿאַרקערט, איז די ירושה־טעאָריע אַ ריכטיקע, האָט זיך דער טיפּ *אַלמנה*, *חלום*, *כּבֿוד*, *פּטור*, *פּרנסה*, *קללה* אַנטוויקלט אײנאײנעם מיט *אָוונט*, *בלאָזן*, *נאָדל*, כּלומר מיטן לכתחילה לאַנגן וואָקאַל. אַז מ׳וועט דעם ענטפֿער אויף דער קשיא אויסזוכן וועט זיך אַנטפּלעקן אַ יסודותדיקער סוד פֿונעם יידישן וואָקאַליזם.

די מעשה איז אָבער אַז ס׳איז פֿאָלג מיך אַ גאַנג. יעדער היסטאָרישער לינגוויסט ווייס אַז פֿון צוויי קלאַנגען וואָס האָבן זיך אינגאַנצן צונויפֿגעגאָסן ניט איבערלאָזנדיק קיין זכר פֿון אַמאָליקן אונטערשייד קען מען קיין זאַך ניט דרינגען. שוין גערצאָן האָט באַמערקט אַ שוועריקייט אין זײַן פּרוּוו פֿונאַנדערצוטיילן דעם לכתחילה לאַנגן וואָקאַל, וועלכער הייסט אין דער איצטיקער סיסטעם וואָקאַל 12, פֿונעם לכתחילה קורצן, שפּעטער פֿאַרלענגערטן וואָקאַל, וועלכער הייסט הײַנט וואָקאַל 13 (גערצאָן 1902: 20). סאַפּיר האָט דאָס פֿאָרמולירט בפּירוש, אָנווײַזנדיק אַז אין צפֿון־מזרח יידיש אויף וועלכן זײַן שטודיע בויט זיך איז דער כּ דער זעלביקער, ניט שייך וואָס ס׳איז דער מיטל־הויך־דײַטשישער ענטפֿערער (סאַפּיר 1915: 239). נח פּרילוצקי, וועלכער האָט געהאַט צו דער האַנט מאַטעריאַלן פֿונעם גאַנצן מזרחדיקן יידיש, האָט באַשטעטיקט אַז די עצם אידענטישקייט פֿונעם לכתחילה לאַנגן 12 מיטן פֿאַרלענגערטן 13 איז אַ סימן־סימנים פֿון דער יידישער פֿאָנאָלאָגיע: „די דאָזיקע דערשײַנונג איז ספּעציפֿיש פֿאַר דער יידישער שפּראַך, און איז איינע פֿון אירע כאַראַקטעריסטישע אייגנטימלעכקייטן" (פּרילוצקי 1920: 54; זע אויך 57-58). מ׳טאָר זיך אָבער ניט מיאש זײַן, יאוש איז דאָך ניט קיין געזונטע

זאַך.

אין דער פֿאָרשונג איבער דער היסטאָרישער פֿאָנאָלאָגיע פֿונעם גערמאַנישן חלק אין ייִדיש, האָט דער ענין וואָקאַל 12 און וואָקאַל 13 אויך פֿאַרנומען אַן אויבנאָן. די אַנטוויקלונג פֿון אָט אָ די וואָקאַלן האָט מאַקס ווײַנרײַך געהאַלטן פֿאַר „אַן עיקרדיקן צווישנשייד צווישן דײַטש און ייִדיש" (מ. ווײַנרײַך 1940א: 49). דער גאַנג בײַ די חכמי ישראל און די גערמאַניסטן אין נײַנצנטן יאָרהונדערט, דאָס טראַנסקריבירן פֿאַר אַלט־ייִדיש ⟨a⟩ אומעטום וואו נײַ־הויך־דײַטש האָט ⟨a⟩ איז אָן ספֿק אַ טעות (די שפּיציקע קלאַמערן ⟨ ⟩ נעמען אַרום גראַפֿישע איבערגעבונגען). אין דער עלטערער ייִדישער שפּראַך־פֿאָרשונג טרעפֿט מען אַ סך מאָל די באַמערקונג אַז די ייִדן רעדן אַרויס ⟨o⟩ אָנשטאָט ⟨a⟩, למשל בײַ שאַדעאוסן (1592: [141]), בײַ פֿפֿײַפֿערן (1680: 522), בײַ אַמערסבאַכן (1689: 34), בײַ שודטן (1714: II, 285), בײַ האַזעלבאַוערן (1742: 237), בײַ קריזאַנדערן (1750: 4), בײַ רײַצענשטײַנען (1764: [218]), בײַ זעליגן (1767: 36) און בײַ פֿרידריכן (1784: 197). אַחוץ דעם איז פֿאַראַן אַ ים מיט אַלטע כּתבֿים וואו מ'נוצט ⟨ו⟩ דאָרטן וואו דער דײַטשישער ענטפֿערער איז ⟨a⟩. דער וואָוו קען דאָך מיט זיך פֿאָרשטעלן נאָר אַ געקײַלעכטן וואָקאַל. שוין אין זײַנע *שטאַפּלען* האָט ווײַנרײַך פֿאָרמולירט זײַן שטעלונג: „איך פֿערזענלעך בין זיכער, אַז נאָך די אַלטע ייִדישע שפּראַך האָט געהאַט o דאָרטן וואו דאָס הײַנטיקע ליטווישע ייִדיש האָט o" (מ. ווײַנרײַך 1923: 41-42). דערבײַ האָט ווײַנרײַך שאַרף קריטיקירט גידעמאַנען, גרינבוימען, פּערלעסן און אַפֿילו לאַנדווין פֿאַרן טראַנסקריבירן פֿאַרן עלטערן ייִדיש ⟨a⟩ דאָרטן וואו די נײַ־הויך־דײַטשישע ענטפֿערער האָבן ⟨a⟩ (זע מ. ווײַנרײַך 1923: 41-42, 79-80, 84-85, 119, 136-137, 155, 158; 1926: 162; 1928ב: 708). פֿון היסטאָרישער אַקוראַטקײַט וועגן דאַרף מען אָבער פֿאַרצײכענען אַז ניט אַלע פֿאָרשער פֿון ייִדיש פֿון דער גערמאַניסטישער שול האָבן אומקריטיש געפּסקנט לויטן מוסטער פֿון נײַ־הויך־דײַטש. שטערק און לײַצמאַן למשל, פֿאַרגלײַכנדיק אליה בחורס (1542) אויסלייג מיט פּאַגיוסעס טראַנסקריפּציעס באַמערקן אַז דער ⟨ו⟩ בײַ אליה בחורן קען מען נאָר לייענען ווי אַ מין o (שטערק און לײַצמאַן 1923: xxv-xxvi).

## XIII

# די אויספֿלאָנטערונג פֿון די o און a וואָקאַלן אין גערמאַנישן חלק

ניט די גערמאַניסטישע שול, ניט ווײַנרײַך, זײַנען ניט געווען אינגאַנצן גערעכט. די גערמאַניסטישע שול האָט אַרײַנגעטראָגן דעם מוסטער פֿון דעם מאָדערנעם דײַטש; אין נײַ־הויך־דײַטש האָבן זיך די ענטפֿערער סײַ פֿונעם מיטל־הויך־דײַטשישן לכתּחילה לאַנגן ⟨â⟩ סײַ פֿונעם פֿאַרלענגערטן ⟨a⟩ צונויפֿגעגאָסן אין אַן איינאיינציקן /ā/. ווײַנרײַך פֿאַרקערט האָט אַרײַנגעטראָגן דעם מוסטער פֿונעם מאָדערנעם מזרחדיקן ייִדיש וואו די ענטפֿערער פֿון די ביידע מיטל־הויך־דײַטשישע וואָקאַלן האָבן זיך אויך צונויפֿגעגאָסן; דער פֿאָנעטישער מהות פֿונעם צונויפֿגעגאָסענעם וואָקאַל איז געווענדט אין דיאַלעקט: אין צענטראַל־מזרח ייִדיש ū אָדער u; און דרום־מזרח ייִדיש u; אין צפֿון־מזרח ייִדיש ɔ.

שלמה בירנבוים, דער גרינדער פֿון דער קאָמפּאַראַטיווער ייִדישער פֿאָנאָלאָגיע (זע בירנבוים 1923), האָט די ביידע וואָקאַלן אויסגעפּלאָנטערט אינעם עלטערן מערבֿדיקן ייִדיש. אין זײַן גראַפֿעמישן אַנאַליז איבערן קעלנער כּתבֿ־יד פֿון 1396 ווײַזט בירנבוים אויף אַז אין ייִדיש וואָס אינעם דאָקומענט איז דער ענטפֿערער פֿונעם מיטל־הויך־דײַטשישן לאַנגן ⟨â⟩ זיכער שוין געווען געקײַלעכט, בשעת דער ענטפֿערער פֿונעם מיטל־הויך־דײַטשישן פֿאַרלענגעוודיקן ⟨a⟩ איז זיכער געווען אומגעקײַלעכט (בירנבוים 1932: 13-14). אַזוי אַרום ווערט מען געוואָר אַז טיילן מערבֿ ייִדיש פֿון אַמאָל האָבן בפֿירוש מבֿחין געווען צווישן די ביידע וואָקאַלן. פֿאַר זײַן קאַטעגאָרישער מיינונג אַז די ביידע וואָקאַלן סײַ 12 סײַ 13 האָבן זיך אין עלטערן מערבֿ ייִדיש שוין צונויפֿגעגאָסן אין אַן איינאיינציקן געקײַלעכטן וואָקאַל האָט ווײַנרײַך געכאַפּט אַ האַרבן פּסק בײַ יאָפֿע (1954: 105-114), בײַ מאַרשאַן (1960: 35-37) און בײַ זיסקינד (1969-1970: 43). די וויכטיקסטע גראַפֿעמישע ראיה אַז די ביידע וואָקאַלן האָבן זיך ניט צונויפֿגעגאָסן איז די אָפֿטע ניט־באַצייכענונג פֿון וואָקאַל 13. אין דער אַלטער ייִדישער אָרטאָגראַפֿיע איז אַ ניט־באַצייכנטער וואָקאַל אין אַ טראַף אויף וועלכן ס׳פֿאַלט דער טראָפּ בפֿירוש אַן a. וואָקאַל 12 ווערט אָבער דרובֿוויס באַצייכנט דורך ⟨א⟩ אָדער ⟨ו⟩ (זע אויך הײַדע 1974: 29-43).

יאָפּע, מאַרשאַן און זיסקינד זײַנען אָבער אויך ניט אינגאַנצן גערעכט. זיי באַטראַכטן מערבֿ יידיש ווי אַ דיאַלעקט. אויף דער וואָר איז מערבֿ יידיש כולל אַ סיסטעם קאָדיאַלעקטן ניט ווייניקער איידער מזרח יידיש. די הינטערשטעליקײַט פֿון דער יידישער פֿילאָלאָגיע אין אויפֿשטעלן אַ לינגוויסטישע קלאַסיפֿיקאַציע פֿון די איינציקע דיאַלעקטן פֿון מערבֿ יידיש טאָר ניט פֿאַרפֿירן מיטן אײַנפֿאַל אַז מ'האָט דאָ צו טאָן מיט אַ „דיאַלעקט“ (פֿגל' מ. ווײַנרײַך 1958א: 165, 176-177).

קאַרל ווילהעלם פֿרידריך, וועמען ווײַנרײַך (1940ב: 103) רופֿט אָן מיט יושר דעם ערשטן יידישן דיאַלעקטאָלאָג, האָט אין אַכצנטן יאָרהונדערט פֿאַרצייכנט אַז טייל יידיש ריידנדיקע זאָגן ⟨Was⟩ בעת אַנדערע זאָגן ⟨Woes⟩ (פֿרידריך 1784: 50-52). אָט דעם חילוק האָט פֿרידריך טאַקע אויסגענוצט פֿאַר איינעם פֿון די סימנים אין זײַן פּרואוו אויף צו קלאַסיפֿיצירן די יידישע דיאַלעקטן אינעם אַכצנטן יאָרהונדערט. הייסן הייסט דאָס אַז פֿרידריך גיט אונדז איבער אַז אין טייל מקומות איז וואָקאַל 13 געבליבן אומגעקײַלעכט און במילא אַנדערש איידער וואָקאַל 12 בעת אין אַנדערע מקומות איז ער געווען געקײַלעכט און במילא האָט ער זיך צונויפֿגעגאָסן מיט וואָקאַל 12.

ווייסן מיר אַז ווײַנרײַכס מיינונג איז אַ ריכטיקע וואָס איז נוגע טייל מערבֿ יידיש וואו סײַ 12 סײַ 13 זײַנען געקײַלעכט געוואָרן און האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן, בעת יאָפּע, מאַרשאַן און זיסקינד האָבן רעכט לגבי אַן אַנדער טייל מערבֿ יידיש. פֿרידריכס באַנוץ פֿון וואָקאַל 13 ווי אַ סימן אויף צו קלאַסיפֿיצירן עפֿנט אונדז אויף די טיר, מ'ווייס אָבער נאָך אַלץ ווייניק וועגן דער בערלדיקער געאָגראַפֿישער פֿאַרשפּרייטונג פֿון די ביידע רעאַליזירונגען, ווער רעדט נאָך אָנצוהערענישן וועגן דער צונויפֿפֿאָרונג מיטן קמץ ענטפֿערער אין סעמיטישן חלק פֿון יידיש. פֿרידריך רעכנט צו דעם ⟨Was⟩ אַרויסרייד צום „שוואַבישן“ יידיש (פֿרידריך 1784: 48, 51-52).

צו דער געאָגראַפֿישער פֿראַגע קענען צוניץ קומען די מערבֿ־יידישע ווערק וואָס זײַנען געשריבן געוואָרן בעת דער שקיעה פֿון מערבֿ יידיש. אין אָט די השכלה אינספּירירטע ווערק איז די אָרטאָגראַפֿיע שוין ניט די פֿאַרגליווערטע וואָס געפֿינט זיך (אמת, אין פֿאַרשידענע נוסחאות) אין דער עלטערער יידישער ליטעראַטור. אין די ווערק פֿון אײַכל, הערץ, וואָלפֿסזאָהן און זייערע קאָלעגן משכילים ווערט

אָפּטמאָל באַנוצט דער לאָקאַלער מערבֿ־ייִדישער דיאַלעקט ווי אַ ליטעראַריש מיטל. די פֿאַרשווינען פֿון עלטערן, טראַדיציאָנעלן דור ריידן בדרך כּלל מיטן לאָקאַלן דיאַלעקט פֿון מערבֿ ייִדיש (וואָס רופֿט אַרויס געלעכטער בײַם משׂכּילישן לייענער) בעת די ייִנגערע „אויפֿגעקלערטע" טיפּן ריידן בדרך כּלל סטאַנדאַרד דײַטש (וואָס רופֿט אַרויס דרך־ארץ בײַם משׂכּילישן לייענער). אָפּטמאָל רעדט איין מענטש אַזוי און אַזוי, געווענדט אין דעם מיט וועמען ער רעדט.

יאָפּע האַלט דאָס לשון פֿון אהרן האַללע וואָלפֿסזאָהנס (1798) *לײַכטזין אונד פֿרעממעלײַא* פֿאַר „אַ צעקאַליעטשעניש פֿון מערבֿ ייִדיש" צוליב דעם באַנוץ פֿון קמץ אויף איבערצוגעבן דעם וואָקאַלישן ענטפֿערער פֿונעם מיטל־הויך־דײַטשישן פֿאַרלענגעוודיקן a (יאָפּע 1954: 113). אין דער אַמסטערדאַמער אויסגאַבע וועגן וועלכער יאָפּע רעדט, געפֿינט מען בײַ ר' חנוכן די גראַפֿישע געשטאַלטן <בצאָהלן>, <גזאָגט>, <דאָהס>, <וואָהס>, <טאָג>, <מאָגער>, <נאָהמען>, <קלאָגט>. אַזעלכע פֿאָרמען איז יאָפּע געצוואונגען צו האַלטן פֿאַר אַ צעקאַליעטשעטן מערבֿ ייִדיש ווײַל זיי שטעלן אַ האַרבע קשיא זײַן שטעלונג אַז וואָקאַל 13 האָט זיך אין מערבֿ ייִדיש קיינמאָל ניט צונויפֿגעגאָסן מיטן לכתּחילה לאַנגן וואָקאַל 12. ער האָט אָבער אַ טעות. וואָלפֿסזאָהנס ר' חנוך רעדט ניט קיין צעקאַליעטשעטן מערבֿ ייִדיש, נאָר וואָס, ער רעדט מיטן צ פֿ ו נ ד י ק ן דיאַלעקט פֿון מערבֿ ייִדיש, ווי ס'האָבן אגבֿ ריכטיק אָנגעוויזן באָראָכאָוו (1915: 225) און רייזען (1923: 33).

פֿאַרקערט אָבער די שפּראַך פֿון יוסף הערצעס *אסתּר* איז אַ מוסטער פֿון איינעם פֿון די דרומדיקע וואַריאַנטן פֿון מערבֿ ייִדיש וואו וואָקאַל 13 איז יאָ פֿאַרלענגערט געוואָרן אויף ā, ער איז אָבער קיינמאָל ניט געקײַלעכט געוואָרן און אַזוי אַרום האָט ער זיך קיינמאָל ניט צונויפֿגעגאָסן מיט וואָקאַל 12 וואָס ווערט תּמיד רעאַלידירט געקײַלעכטערהייט (זע קאָפּלאַנד 1951: 24, 39-41; קאָפּלאַנד און זיסקינד 1976: 112). אין דער פֿירטער אויסגאַבע פֿון 1854 טרעפֿט מען אין די רייד פֿון אסתּרן די גראַפֿישע געשטאַלטן <דאַאַז>, <וואַאַז>, <זאַאַג> וואו וואָקאַל 13 באַווײַזט זיך ווי צוויי מאָל פּתח אלף. אַ סך־הכּל פֿון אָט אָ דעם אינעווייניקסטן איסאָגלאָס אין מערבֿדיקן ייִדיש קען מען מאַכן לויט די צוויי פּיעסן: בײַ ר' חנוכן ווערן די וואָקאַלן 12 און 13 אַרויסגערעדט דאָס זעלביקע, בײַ אסתּרן

איז איטלעכער פֿאַר זיך.

## XIV

## באַשייד פֿון דער קמץ מיסטעריע

סוף כּל סוף געקומען צום שליסל, ווי אַזוי מ׳קען געוואָר ווערן מיט וועלכן פֿון די צוויי וואָקאַלן אין גערמאַנישן חלק עס האָט זיך אַנטוויקלט דער קמץ. מ׳דאַרף מערניט קאָנפֿראָנטירן דעם טיפּ *אַלמנה, חלום, כּבֿוד, פּטור, פּרנסה, קללה* ערשטנס מיטן טיפּ *אָוונט, בלאָזן, נאָדל,* צווייטנס מיטן טיפּ *טאָג, זאָגן, נאָמען,* אין יענע מערבֿ־יידישע דיאַלעקטן וואו די ביידע וואָקאַלן, 12 און 13, זײַנען געבליבן ב אַ ז ו נ ד ע ר. אָט אַזאַ מין פֿאַרגלײַך קען מען ניט אויספֿירן אויפֿן סמך פֿון די טראַנסקריפּציעס מיט לאַטייניש אותיות פֿון אַכצנטן יאָרהונדערט מחמת דעם וואָס מ׳געפֿינט דאָרטן בדרך כּלל נאָר ווערטער פֿונעם סעמיטישן חלק. די לעצטע מערבֿ־יידישע ליטעראַרישע ווערק קענען אונדז דאָ אויך ניט צוניץ קומען ווײַל די „דיאַלעקטיש־פֿאָנעטישע” אָרטאָגראַפֿיע זייערע באַגרענעצט זיך צום גערמאַנישן חלק. די סעמיטיזמען ווערן דאָך אויסגעלייגט לויטן טראַדיציאָנעלן היסטאָרישן אויסלייג.

די קאָנפֿראָנטירונג צווישן די וואָקאַלן פֿון ביידע חלקים קען מען אַמבעסטן אויפֿשטעלן אויפֿן סמך פֿון די פֿאָרשונגען איבערן מערבֿדיקן יידיש וואָס זײַנען דורכגעפֿירט געוואָרן אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט לויט דעם סאַמע באַגלייבסטן מעטאָד: די עמפּירישע עווידענץ וואָס דער לינגוויסט נעמט אויף מיט זײַן שמיעה פֿון די רייד פֿונעם אינפֿאָרמאַנט. אינעם יידיש פֿון עלזאַס, אינעם יידיש פֿון דער שווייץ און אינעם יידיש פֿון פֿראַנקען איז די רעאַליזירונג פֿון וואָקאַל 12 אָדער ō אָדער ɔu אָדער ū, דעריבער ṇt‏ővņt, blőzə, nődḷ, אָדער ɔ́uvṇt, blɔ́uzə, nɔ́udḷ, אָדער ū́vṇt, blū́zə, nū́dḷ. וואָקאַל 13 ווערט אָבער תּמיד רעאַליזירט ā (אינאיינעם מיט וואָקאַל 24, דער טיפּ glāb ‚גלייב‘, hām ‚היים‘, klād ‚קלייד‘, און מיט 44, דער טיפּ bām ‚בוים‘, lāf ‚לויף‘, kāf ‚קויף‘). אין עלזאַס, אין דער שווייץ און אין

פֿראַנקען, ד״ה אין די ד ר ו מ ד י ק ע שטחים פֿון מערבֿ יידיש ווערן אונדזערע דוגמא־ווערטער רעאַליזירט (קאָנסאָנאַנטישע איכות דאָ ווי אומעטום נאָרמאַליזירט): tāg, zāgə, nāmə. אַזוי אויך bārd ‘באָרד’, gār ‘גאָר’, gā́rtə ‘גאָרטן’, grā́bə ‘גראָבן’, hāz ‘האָז’, trā́gə ‘טראָגן’, fā́rə ‘פֿאָרן’, cā́lə ‘צאָלן’, šlā́gə ‘שלאָגן’ וכדומה (זע למשל איבער עלזאַס צוקערמאַן 1969: 46; איבער דער שווייץ גוגענהײַם־גרינבערג 1954; 1958: 91-92; 1961; 1969; איבער פֿראַנקען בראַנעק 1961: 288; פֿגל׳ בראַנעק 1965: 136-145).

איז וואָס איז מכח דעם אָפֿנטראַפֿיקן קמץ אין דרומדיקן מערבֿ יידיש, ד״ה דאָרטן וווּ 12 און 13 האָבן זיך קיינמאָל ניט צונויפֿגעגאָסן? דער קמץ ענטפֿערט יאַוועט זיך ווי דער שפּאָגל־קלאָרער וואָקאַל 12, דער לכתחילה לאַנגער וואָקאַל, דעריבער: almṓnə, xṓləm, kṓvəd, pṓtər, parnṓsə, klṓlə אָדער almóunə, xóuləm, kóuvəd, póutər, parnóusə, klóulə אָדער almū́nə, xū́ləm, kū́vəd, pū́tər, parnū́sə, klū́lə (זע גוגענהײַם־גרינבערג 1973: 62-63; איבער עלזאַס פּאָרזשעס 1921: 193-194; צוקערמאַן 1969: 47-48; איבער דער שווייץ גוגענהײַם־גרינבערג 1954; 1958: 92-93; איבער פֿראַנקען בראַנעק 1961: 295; לעווענשטיין 1973-1975; פֿגל׳ בראַנעק 1965: 124-125). ניטאָ קיין •almā́nə, •xā́ləm, •kā́vəd, •pā́tər, •parnā́sə, •klā́lə. אַזוי אַרום ווערט בטל די סטאַנדאַרדע טעאָריע פֿון פֿאַרלענגערונג אין אָפֿענעם טראַף (§IX).

די פֿאַרענטפֿערונג פֿון דער קמץ מיסטעריע, די דערקענונג אַז דער קמץ באַווײַזט זיך אין יידיש ווי וואָקאַל 12, ברענגט אָבער דער יידישער פֿאָנאָלאָגיע אַ נײַע צרה. וווּ איז וואָקאַל 13 אינעם סעמיטישן חלק? וואָסער וואָקאַל פֿון סעמיטישן חלק איז צונויפֿגעוואַקסן מיטן טיפּ *טאָג, זאָגן, נאָמען* אין גערמאַנישן חלק? ווייסן מיר אַז וואָקאַל 13 אינעם גערמאַנישן חלק האָט זיך אָנגעהויבן ווי אַ קורצער, אַקצענטירטער, אָפֿנטראַפֿיקער a (און זײַנע פֿאַרמאַכטראַפֿיקע אַלאָמאָרפֿן). היות ווי דער קמץ איז לכתחילה געווען לאַנג איז ער אויס קאַנדידאַט. מיר האָבן פֿאָרויסגעזאָגט אַז רעשטלעך פֿון אַ פֿאַרלאָרענעם וואָקאַל 13 אינעם סעמיטישן חלק האָבן זיך פֿאָרט געמוזט ערגעץ אויפֿהיטן. אָט דעם פֿאַרלאָרענעם וואָקאַל 13 דאַרף מען זוכן קודם כל צווישן די ענטפֿערער פֿונעם אַקצענטירטן, אָפֿנטראַפֿיקן פּתח. דער טיפּ *גנבֿ, כלה, שבת* קען אונדז דאָ ניט העלפֿן מחמת

דעם וואָס דער טראַף אין װעלכן דער פּתח שטייט איז לכתּחילה געװען ניט אַקצענטירט ניט אָפֿן — די טבֿריהר ענטפֿערער זײַנען דאָך gannɔ́v, kallɔ́, šabbɔ́θ. ערשט אין משך פֿון דער געשיכטע פֿון ייִדיש זײַנען פֿאַרלאָרן געגאַנגען די פֿאַרדאָפּלטע קאָנסאָנאַנטן, ערשט אין משך פֿון דער געשיכטע פֿון ייִדיש האָט זיך איבערגערוקט דער טראָפּ אויף מלעיל. אין קדמון ייִדיש איז אָט דער פּתח נאָך געשטאַנען אין אַן אומבאַטאָנטן פֿאַרמאַכטן טראַף און אַזוי איז ער געשטאַנען בעת דער פֿאַרלענגערונג — אַניט װאָלט ער דאָך אויך פֿאַרלענגערט געװאָרן. פֿון דעם טיפּ *טעם*, *כעס*, *מרשעת* קען מען אויך קיין זאַך ניט אָפּלערנען, כאָטש אויך לכתּחילה איז דער פּתח געשטאַנען אין אַן אַקצענטירטן אָפֿענעם טראַף, דערפֿאַר װײַל װעלכע ניט איז סימנים פֿון פֿאַרלענגערונג קענען װאַקסן פֿונעם אָנװער פֿון עין װי אַ קאָנסאָנאַנט. אָט דער אָנװער האָט גורם געװען צװײ נאָכאַנאַנדיקע װאָקאַלן און צװײ נאָכאַנאַנדיקע װאָקאַלן זײַנען דאָך אַלעמאָל עלול פֿאַרװאַנדלט צו װערן אין איין לאַנגן װאָקאַל.

װאָקאַל 13 אַנטפּלעקט זיך אינעם סעמיטישן חלק דאָרטן װוּ אַ היסטאָריש אַקצענטירטער אָפֿנטראַפֿיקער פּתח טרעפֿט זיך פֿאַר אַ קאָנסאָנאַנט װאָס איז אויף ייִדיש ניט פֿאַרשװוּנדן געװאָרן. אַזאַ מין פּתח טרעפֿט מען אין טיפּ *לחש*, *נחת*, *פּחד* (די טבֿריהר פֿאָרמען זײַנען láḥaš, náḥaθ, páḥað). איבער גאַנץ מערבֿ ייִדיש װערן די אָ װערטער רעאַליזירט מיט ā, דעריבער: lā́xəš, nā́xəs, pā́xəd.

אין דרומדיקן מערבֿ ייִדיש איז די סעריע געבליבן צונויפֿגעװאַקסן מיט די ענטפֿערער פֿון װאָקאַל 13 אין גערמאַנישן חלק (דער טיפּ *טאָג*, *זאָגן*, *נאָמען*), און במילא, אין יענע מקומות, מיט די װאָקאַלן 24 און 44. אין צפֿונדיקן מערבֿ ייִדיש װוּ װאָקאַל 13 אינעם גערמאַנישן חלק האָט זיך צונויפֿגעגאָסן מיט װאָקאַל 12 אין ō האָט זיך דער סעמיטישער װאָקאַל 13 צונויפֿגעגאָסן נ אָ ר מיט די װאָקאַלן 24 און 44. אָט די ā רעאַליזירונג פֿון װאָקאַל 13 אין סעמיטישן חלק האָט זיך אַפֿילו אויפֿגעהיט אין דער מאָדערנער צײַט אין אַ היפּשן װינקל פֿון צענטראַל־מזרח ייִדיש (די געגנט אַרום בענדין װוּ פּרילוצקי האָט אַנטדעקט מערבֿ־ייִדישע שטריכן, זע פּרילוצקי 1920: 72-73, 152; 1921: 368, 401). טייל אינפֿאָרמאַנטן װאָס היטן אויף אָט אָ דעם ā האָבן אויך דעם קלאַסיש פּױליש־ייִדישן ā$_{34}$ (דער טיפּ vāb 'װײַב', tābḷ 'טײַבל', šnā́dṇ 'שנײַדן'). אין איבעריקן צענטראַל־

מזרח יידיש, אין דרום־מזרח און אין צפֿון־מזרח יידיש האָט זיך דער סעמיטישער וואָקאַל 13 בדרך כּלל אומגעקערט צו זײַן תּחילתדיקער קורצקײַט. אין טייל פֿון די שטחים איז די סיבה געווען וואָס די וואָקאַלישע סיסטעם האָט ניט קיין לאַנגן ā, אַזוי אַרום אַז די שײַכותדיקע ווערטער האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן מיט זייערע אַמאָליקע וואָקאַלישע לאַנדסלײַט, ווערטער מיט וואָקאַל 11 (ווײַלער ווערט אַרויסגערעדט a אַחוץ אין טיילן דרום־מזרח יידיש וואו ער האָט זיך אין די מערסטע פּאָנעטישע שכנותן צונויפֿגעגאָסן מיט וואָקאַל 41 אין ɔ).

די ניט־אויסגעהאַלטענע צונויפֿפֿאָרונג מיט פֿאַרשידענע וואָקאַלן פֿונעם גערמאַנישן חלק אין פֿאַרשידענע דיאַלעקטן איז ניט קיין חידוש. וואָקאַל 13 איז נאָך אַלעמען אַ צוגעקומענער. ער איז געבאָרן געוואָרן ווי אַ פּועל יוצא פֿון דער פֿאַרלענגערונג אין אָפֿענע טראַפֿן וואָס האָט זיך שוין פֿאַרלאָפֿן אין משך פֿון דער געשיכטע פֿון יידיש. קיין קדמון וואָקאַל איז ער ניט. איטלעכער וואָקאַל 13 איז אַמאָל געווען 11.

## XV

## אַ וואָרט צום סוף

אַז מ'זאָל וועלן אויסרעכענען די פֿאָרשערישע תּחומען וואָס קענען געניסן פֿון נײַער אַרבעט איבערן מקור פֿונעם סעמיטישן חלק אין יידיש קען מען אָנווײַזן לפּחות אויף דרײַ. וואָס איז שייך דער געשיכטע פֿון יידיש ברענגען די מעטאָדן פֿון דער אינעווייניקסטער און קאָמפּאַראַטיווער רעקאָנסטרוקציע אַ מעגלעכקײַט אויף צו דערגיין ווען בערך דער סעמיטישער חלק איז אַרײַן אינעם לשון פֿון די יידן אין אַשכּנז. דער צונויפֿוואוקס פֿונעם סעמיטישן חלק מיטן גערמאַנישן איז איינער פֿון די יסודותדיקסטע סימנים פֿונעם לינגוויסטישן מהות פֿון יידיש. אַזוי אַרום וועט אַ נײַע פֿאָרשערישע עקספּעדיציע מיט אַ פֿרישן קוק זײַן בכח זיך צו דערגרונטעווען צו די סאַמע אָנהייבן פֿון יידיש (§III).

צווייטנס האָט די פּראָבלעם אַ חשיבֿות פֿאַר דער היסטאָרישער לינגוויסטיק בכלל. דער סעמיטישער חלק וואָס אין יידיש שטעלט מיט זיך פֿאָר גאָר אַן

אויסערגעווייִנטלעכֿע לאַבאָראַטאָריע פֿאַרן קאָמפּאַראַטיוון מעטאָד, צוליב דעם וואָס עס זײַנען אין צענטראַל אייראָפּע קיין סעמיטישע שפּראַכֿן ניטאָ. אַזוי אַרום קומט ניט אין באַטראַכֿט די מעגלעכֿקייט אַז מ׳האָט דאָ צו טאָן מיט דער השפּעה פֿון שכֿנותֿדיקע באַפֿעלקערונגען. די קאָנפֿראָנטירונג צווישן דער טעקסטן־טעאָריע און דער ירושה־טעאָריע איז אַ קלאָרע, אַ שאַרפֿע (§I).

דריטנס האָט דאָ די סעמיטישע שפּראַך־וויסנשאַפֿט אויך עפּעס וואָס אָפּצולערנען. די רעקאָנסטרוקציע ווײַזט אויף אַז די סטאַנדאַרדע טעאָריע וואָס פּאָסטולירט פֿאַרלענגערונג אין אָפֿענעם טראַף איז אַ טעותֿ (§XI - §XIV). דער ענטפֿערער פֿונעם אָפֿנטראַפֿיקן צירה איז וואָקאַל 22. וואָקאַל 22 קען ניט זײַן קיין פֿאַרלענגערטער וואָקאַל 21 מחמתֿ דעם וואָס 25 איז דער פֿאַרלענגערטער 21. דער ענטפֿערער פֿונעם אָפֿנטראַפֿיקן קמץ איז וואָקאַל 12. וואָקאַל 12 קען ניט זײַן קיין פֿאַרלענגערטער וואָקאַל 11 מחמתֿ דעם וואָס 13 איז דער פֿאַרלענגערטער 11. דערפֿון איז געדרונגען אַז די וואָקאַלן 22 און 12 זײַנען קדמון יידישע אויך אינעם סעמיטישן חלק, אָבער נאָר אין אָפֿענעם טראַף.

אין פֿאַרמאַכֿטן טראַף זײַנען די אָפּאָזיציעס 22 כנגד 21 און 12 כנגד 11 געווען סינכֿראָניש נייטראַלידירט. נייטראַלידירט זײַנען זיי געבליבן אינעם סעמיטישן חלק ביזן הײַנטיקן טאָג. די סעמיטישע וואָקאַלישע סיסטעם וואָס איז אַרײַן אין יידיש איז געשטאַנען צווישן דער טבֿריהר סיסטעם פֿון איין זײַט און דער ארץ־ישראלדיקער פֿינף־וואָקאַלישער סיסטעם פֿון דער אַנדערער זײַט. דער סעמיטישער וואָקאַליזם, וואָס יידן האָבן אַרײַנגעטראָגן אין זייערע לעבעדיקע רייד אין אייראָפּע אַרײַן, איז כֿאַראַקטערידירט געוואָרן דורך די טבֿריהר אָפּאָזיציעס אין אָפֿענע טראַפֿן בעתֿ אין פֿאַרמאַכֿטע טראַפֿן זײַנען די שײַכֿותֿדיקע אָפּאָזיציעס נייטראַלידירט געווען אויפֿן „ספֿרדישן" שטייגער. פֿון י י ד י ש ווערט מען געוואָר אַז אָט אַזאַ מין וואָקאַלישע סיסטעם איז אין צפֿון־מערבֿ סעמיטיש פֿאַראַן געווען.

די יידישע פֿילאָלאָגיע דאַרף גרייט זײַן זיך צו באַפֿרײַען פֿון פֿאַרגליווערטע און איבערגעקײַעטע טעאָריעס וואָס האָבן אין משך פֿון די דורותֿ באַקומען אַ קדושה פֿון אמתֿן (§II). קיין אמתֿן זײַנען אין דער פֿאָרשונג ניטאָ, מערניט פּאַראַדיגמעס וואָס לאָזן זיך נאָכֿגיין אָדער אָפּפֿרעגן. די געשיכֿטע פֿון יידיש דאַרף מען גרייט זײַן אָנהייבן אויפֿסנײַ מיט אַ תיקו.

# ביבליאָגראַפֿיע

## הערה

אין דער ביבליאָגראַפֿיע ווערט סטאַנדאַרדיזירט דער אויסלייג פֿון יידישע טיטלען אין מראה־מקומות פֿון 1913 און שפּעטער. יידישע מחברים פֿון ווערק וואָס זיינען אַרויס פֿאַר 1800 ווערן געבראַכט לויטן ע ר ש ט ן נאָמען (אויך נאָך יענעם יאָר ווען זיי זיינען אַזוי געבליבן באַקאַנט, אַשטייגער אד"ם הכהן).


אד"ם [אַבֿרהם דובֿ־בער מיכאַלישקער] הכהן בן חיים לעבענזאָהן

1874 „יתרון לאדם" אין יהודה ליב בן זאבֿ, *ספר תלמוד לשון עברי*, האלמנה והאחים ראָם: ווילנע.

אַווע־לאַלעמאַן, פֿרידריך קריסטיאַן בענעדיקט

1862-1858 Friedrich Christian Benedict Avé-Lallemant, *Das deutsche Gaunerthum in seiner social-politischen, literarischen und linguistischen Ausbildung zu seinem heutigen Bestande*, F.A. Brockhaus: Leipzig.

אייזענשטאַט, ש.

1908 „די געאָגראַפֿישע גרעניצען פֿון אונדזער שפּראַך און איהרע אויסשפּראַכען" אין *ליטעראַרישע מאָנאַטסשריפֿטען* (ווילנע) 4: 85-98.

אלדר (אדלר), אילן

1975 „ניקוד ההגדה של פסח במחזור ויטרי" אין *לשוננו* 39: 192-216.

1976 „לבירור מהותו ולגלגוליו של הניקוד הארץ־ישראלי — טברני" אין כרמון 1976: 39-48.

1978 *מסורת הקריאה הקדם־אשכנזית. מהותה והיסודות המשותפים לה ולמסורת ספרד* [= עדה ולשון, IV], כרך א: *ענייני הגייה וניקוד*, מאגנס, האוניברסיטה העברית: ירושלים.

אליה בחור

1542 *שמות דברים בלשון עברי ובלשון רומיי גם אשכנזי כנגדו מסודרים כסדר אלפא ביתא על ידי המחבר אליה לוי אשכנזי המדקדק לחן ולרצון לכל תלמידי לשון הקדש*, פויל פֿאַגיוס: אייזנע (איסני).

1545 *ספר תהלים דא האט איר דש תלים אויש לשון הקודש גימאכט אין טוייטשר שפרוך דורך דען גילערנטן מאן אליה בחור אשכנזי הלוי*, קורנילייו אדיל קינד אונ' מאיר בר יעקב איש פרענץ: ווענעדיג.

אַמערסבאַך, הײנריך

1689 Heinrich Ammersbach, *Neues ABC Buch*, Johann Daniel Müller: Magdeburg.

אסף, ש.

1942 „מכתבים באידיש מירושלים עיר הקודש" אין *ציון* 7: 65-72.

באָראָכאָוו, בער

1913א „די אויפֿגאַבן פֿון דער ייִדישער פֿילאָלאָגיע" אין ש. ניגער 1913: 1-22.

1913ב די ביבליאָטעק פֿונעם ייִדישן *פֿילאָלאָג*, הוספה צו ש. ניגער 1913.

1913ג „אַנמערקונגען צום פֿאָריקן אַרטיקל" [ד"ה טשעמערינסקי 1913] אין ש. ניגער 1913: 71-78.

1913ד „אַ גערוס פֿון פֿאַר דרײַ הונדערט יאָר" אין ש. ניגער 1913: 351-356.

1915 „די עלטסטע ייִדישע פּיעסע" אין נחמן מײַזיל 1966: 222-225.

בוקסטאָרף, יאָהאַן

1603 Johann Buxtorf, *Synagoga judaica. Das ist Jüden Schul*, S. Henricpetrus: Basel.

1609 *Thesaurus grammaticus linguæ sanctæ hebrææ*, Conrad Waldkirch: Basel.

ביבילאָפּילוס

1742 Bibliophilus, *Jüdischer Sprach-Meister, oder Hebräisch-Teutsches Wörter-Buch*, Frankfurt am Main & Leipzig.

ביקל, שלמה און לעהרער, לייבוש

1958 (רעד'ן) *שמואל ניגער בוך*, ייִוואָ: ניו־יאָרק.

בירנבוים, שלמה

1923 Salomo A. Birnbaum, "Übersicht über den jiddischen Vokalismus" in *Zeitschrift für deutsche Mundarten* 18: 122-130.

1931 „קמץ = o" אין *ייִוואָ בלעטער* 1: 147-149.

"Das älteste datierte Schriftstück in jiddischer Sprache" in *Beiträge zur Geschichte der deutschen Sprache und Literatur* 56: 11-22. 1932

1934 „די היסטאָריע פֿון די אַלטע u קלאַנגען אין ייִדיש" אין *ייִוואָ בלעטער* 6: 25-60.

1939 „דאָס עלטסטע בריוול אויף ייִדיש" אין י. א. ליסקי, נ. מ. סידאָ און א. נ. שטענצל 1939: 106-109.

"Old Yiddish or Middle High German?" in *Journal of Jewish Studies* 12: 19-31. 1961

בית־אריה, מלאכי

1965 „ניקודו של מחזור ק"ק וורמייזא" אין *לשוננו* 29: 27-46, 80-102.

בן־נון, יחיאל

Jechiel Bin-Nun, *Jiddisch und die deutschen Mundarten. Unter besonderer Berücksichtigung des ostgalizischen Jiddisch*, Max Niemeyer, Tübingen. 1973

1974 „שלוש הערות" אין *לשוננו* 38: 313-317.

בעז, חיים

1975 (רעד') *פנקס פֿאַר דער פֿאָרשונג פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור און פּרעסע*, 3, אַלוועלטלעכער ייִדישער קולטור קאָנגרעס: ניו־יאָרק.

בעראַנעק, פֿראַנץ י.

Franz J. Beranek, "Die fränkische Landschaft des Jiddischen" in *Jahrbuch für fränkische Landesforschung* 21 [=Festschrift Ernst Schwarz, II]: 267-303. 1961

*Westjiddischer Sprachatlas*, N. G. Elwert: Marburg. 1965

גאָלאָמב, צבֿי ניסן

1910 מלים בלשוני. העברעאיש־אידישעס ווערטער־בוך, א. יאַוואַרקאָווסקי \ „דרוק און פֿערלאַג": ווילנע.

גוגענהיים־גרינבערג, פֿלאָרענץ

Florence Guggenheim-Grünberg, "The Horse Dealers' Language of the Swiss Jews in Endingen and Lengnau" in U. Weinreich 1954: 48-62. 1954

"Zur Phonologie des Surbtaler Jiddischen" in *Phonetica* 2, 86-108. 1958

*Gailinger Jiddisch*, Vandenhoeck & Ruprecht: Göttingen [= Lautbibliothek der deutschen Mundarten, 22]. 1961

"Endinger Jiddisch" in Herzog, Ravid & Weinreich 1969: 8-15. 1969

*Jiddisch auf alemannischem Sprachgebiet*, Juris: Zurich. 1973

גינסבערג, דוד

1938 „פּריוואַטע יידישע בריוו פֿונעם יאָר 1533" אין ייוואָ בלעטער 13: 325-344.

גערצאָן, יעקבֿ

1902 Jacob Gerzon, *Die jüdisch-deutsche Sprache. Eine grammatisch-lexikalische Untersuchung ihres deutschen Grundbestandes. Inaugural-Dissertation zur Erlangung der Doctorwürde der Hohen Philosophischen Facultät der Ruprecht-Karls-Universität zu Heidelberg*, Druck von S. Salm: Köln.

אַרויס אין זעלביקן יאָר אויך בײַם פֿאַרלאַג J. Kauffmann, Frankfurt am Main.

גרינבוים, מאַקס

1882 Max Grünbaum, *Jüdischdeutsche Chrestomathie*, F. A. Brockhaus: Leipzig.

1885 *Mischsprachen und Sprachmischungen*, Carl Habel: Berlin.

האַזעלבאַוער, פֿראַנציסקוס

1742 Franciscus Haselbauer, *Fundamenta grammatica duarum præcipuarum linguarum orientalium scilicet hebraicæ et chaldaicæ*, Carolo-Ferdin: Prague.

הײַדע, מאַנפֿרעד ג.

1974 Manfred Gernot Heide, *Graphematisch-phonematische Untersuchungen zum Altjiddischen. Der Vokalismus*, Herbert Lang: Bern & Peter Lang: Frankfurt am Main [= *Europäische Hochschulschriften*, Reihe I, Band 106].

הלוי, רפֿאל

1957 Raphael Loewe, "The Mediaeval Christian Hebraists of England" in *Hebrew Union College Annual* 28: 205-252.

הערץ, יוסף

1854 *אסתר. אָדער דיא בעלאָהנטע טוגענד. איינע פּאָזע אין פֿיער אַבשניטטען. נעבזט איינגען נאָך ניכֿט געדרוקקטען געדיכֿטען אין יידיש־דייטשער מונדארט*, ז. ב. גוסדאָרפֿער: פֿירט.

הערצאָג, מיכל

1965 Marvin I. Herzog, *The Yiddish Language in Northern Poland. Its*

*Geography and History* [= *International Journal of American Linguistics*, 31.2, Part III = Publication 37 of the Indiana University Research Center in Anthropology, Folklore, and Linguistics], Indiana University: Bloomington & Mouton: The Hague .

הערצאָג, מיכל, און ראַוויד, וויטאַ, און ווײַנרײַך, אוריאל

1969 Marvin I. Herzog, Wita Ravid & Uriel Weinreich (eds.), *The Field of Yiddish. Studies in Language, Folklore, and Literature*, Third Collection, Mouton: The Hague.

וואַגענזײַל, יאָהאַן קריסטאָף

1699 Johann Christof Wagenseil, *Belehrung der Jüdisch-Teutschen Red- und Schreibart*, Paul Friedrich Rhode: Köningsberg.

וואָלפֿסזאָהן, [אהרן האַללע]

1798 *לייבטזין אונד פֿרעממעלייא. איין פֿאמיליען גמהעלדע אין דרייא אויפֿציגן*, בדפוס יוחנן לוי רופא ובנו בנימן: אַמסטערדאַם.

וויינגער, מ.

1913 „העברעאישע קלאַנגען אין דער יידישער שפּראַך" אין *ש. ביגער* 1913: 79-84.

ווײַנריב, ב.

1937 „אַ פּעקל בריוו אין יידיש פֿון יאָר 1588 קראָקע—פּראָג (פֿון דער שטאָט־ביבליאָטעק אין ברעסלע)" אין *היסטאָרישע שריפֿטן* 2: 43-67.

ווײַנרײַך, אוריאל

1953 Uriel Weinreich, *Languages in Contact. Findings and Problems* [= Publications of the Linguistic Circle of New York, 1], New York.

1954 (ed.), *The Field of Yiddish. Studies in Yiddish Language, Folklore, and Literature. Published on the Occasion of the Bicentennial of Columbia University* [= Publications of the Linguistic Circle of New York, 3], New York.

1958 „נוסח הסופרים העברי-יידי" אין *לשוננו* 22: 54-66.

ווײַנרײַך, מאַקס

1923 *שטאַפּלען. פֿיר עטיודן צו דער יידישער שפּראַך־וויסנשאַפֿט און ליטעראַטור־געשיכטע*, וואָסטאָק: בערלין.

1926 „אַ יידיש ליד וועגן שבתי צבֿי פֿון יאָר 1666" אין *צײַטשריפֿט* (מינסק) 1: 159-172.

# הירשע־דוד קאַץ


1928 א *בילדער פֿון דער יידישער ליטעראַטור־געשיכֿטע פֿון די אָנהייבן ביז מענדעלע מוכר ספֿרים*, פֿאַרלאַג טאָמאָר פֿון יוסף קאַמערמאַכֿער: ווילנע.

1928 ב „די יידישע שפּראַך־פֿאָרשונג אין 17טן יאָרהונדערט" אין *צײַטשריפֿט* (מינסק), 2-3: 689-732.

1931 „וואָס וואָלט יידיש געווען אָן העברעאיש?" אין *די צוקונפֿט* 36: 194-205.

1940 א „יידיש" אין *אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע*, יידן ב, דובנאָוו פֿאָנד: פּאַריז, 23-90.

1940 ב „יידישע פֿילאָלאָגיע" אין *אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע*, יידן ב, דובנאָוו פֿאָנד: פּאַריז, 101-108.

1954 Max Weinreich, "Prehistory and Early History of Yiddish: Facts and Conceptual Framework" in U. Weinreich 1954: 73-101.

1954-1955 „עיקרים אין דער געשיכֿטע פֿון יידיש" אין *יידישע שפּראַך* 14: 97-110; 15: 12-19.

1958 א „ראשי פּרקים וועגן מערבֿדיקן יידיש" אין יודל מאַרק 1958: 158-194.

1958 ב „בני היתּ און בני חיתּ אין אַשכּנז: די פּראָבלעם — און וואָס די לאָזט אונדז הערן" אין ביקל און לעהרער 1958: 101-123.

1960 א "Old Yiddish Poetry in Linguistic-Literary Research" in *Word* 16: 100-118.

1960 ב „די סיסטעם יידישע קדמון וואָקאַלן" אין *יידישע שפּראַך* 20: 65-71.

1963-1964 „ראשית ההברה האשכּנזית בזיקתה לבעיות קרובות של היידיש ושל העברית האשכּנזית" אין *לשוננו* 27-28: 131-147, 230-251, 318-339.

1973 *געשיכֿטע פֿון דער יידישער שפּראַך. באַגריפֿן, פֿאַקטן, מעטאָדן*, IV בענד, יידישער וויסנשאַפֿטלעכֿער אינסטיטוט: ניו־יאָרק.

[ווײַנרײַך, מאַקס און רייזען, זלמן]

1931 (רעד'ן) *די ערשטע יידישע שפּראַך קאָנפֿערענץ. באַריכֿטן, דאָקומענטן און אָפּקלאַנגען פֿון דער טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ 1908*, יידישער וויסנשאַפֿטלעכֿער אינסטיטוט: ווילנע.

זיסקינד, נתּן

1953 „באַטראַכֿטונגען וועגן דער געשיכֿטע פֿון יידיש" אין *יידישע שפּראַך* 13:

108-97 (איבערגעדרוקט אין מאַרק 1958: 157-146).

1965 „פּרינציפּן בײַם פֿאָרשן ייִדישע לשונות" אין ייִדישע שפּראַך 25: 1-17.

1970-1969 „אַלט־ייִדיש און מיטל־ייִדיש" אין ייִדישע שפּראַך 29: 43-64.

דעליג, גאָטפֿריד

1767 Gottfried Selig, *Kurze und gründliche Anleitung zu einer leichten Erlernung der jüdischdeutschen Sprache*, Christian Friedrich Rumpf: Leipzig.

זענערט, אַנדרעאַס

1666 Andreas Sennert, *Rabbinismus h. e. præcepta targumico-talmudico-rabbinica*, Fincelianus: Wittenberg.

טביוב, י. ח.

1903 „היסודות העברים בזרגון" אין *הזמן* 3: 126-144 [ט״ל].

1923 *כתבי י. ח. טביוב. קבוצת מחקרים בעניני ספרות ולשון עם מבוא על תולדותיו וערכו של המחבר*, הוצאת „מוריה" ו„דביר": ירושלים-ברלין.

טשעמערינסקי, ח.

1913 „די ייִדישע פֿאָנעטיק" אין ש. ניגער 1913: 47-71.

יאָפֿע, יודא אַ.

1954 Judah A. Joffe, "Dating the Origin of Yiddish Dialects" in U. Weinreich 1954: 102-121.

יאָפֿע, יודא אַ. און מאַרק, יודל

1961 (רעד'ן) *גרויסער ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך*, באַנד I, קאָמיטעט פֿאַרן גרויסן ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך: ניו־יאָרק.

ילון, חנוך

1938 „שבילי מבטאים" אין *קונטרסים לעניני הלשון העברית* 1: 62-78.

1939 א „דיוקים בפירוש רש״י על תרי עשר" אין *קונטרסים לעניני הלשון העברית* 2: 9-11.

1939 ב „בגליוני ספרים" אין *קונטרסים לעניני הלשון העברית* 2: 33-35.

1942 א „הגייה ספרדית בצרפת הצפונית בדורו של רש״י ובדורות שלאחריו" אין

*עניני לשון* 1: 16-31.

1942ב „על הגיית החטפים והקמץ החטוף באשכנז" אין *עניני לשון* 1: 31-36.

1943 „בגליוני דפוס ראשון של רד"ק על תהלים" אין *עניני לשון* 2: 49-52.

כרמון, אפרת

1976 (רעד') *חקר ועיון במדעי היהדות*, אוניברסיטת חיפה: חיפה.

לאַנדוי, אַלפֿרעד און וואַכשטיין, בערנהאַרד

1911 Alfred Landau & Bernhard Wachstein, *Jüdische Privatbriefe aus dem Jahre 1619*, Wilhelm Braumüller: Wien & Leipzig.

ליסקי, י. א., סידאָ, נ. מ. און שטענצל, א. ב.

1939 (רעד'ן) *יידיש לאָנדאָן*, יידישע קולטור געזעלשאַפֿט „איקוף", צווייטער באַנד: לאָנדאָן.

לעווענשטיין, שלמה

1975-1973 „די שארית הפליטה פֿון יידיש אין פֿראַנקען" אין *יידישע שפּראַך* 32: 24-33; 33: 37-45; 34: 37-43.

מאַרק, יודל

1958 (רעד') *יודאַ א. יאָפֿע־בוך*, ייִוואָ: ניו־יאָרק.

1967 „צו דער געשיכטע פֿון דער יידישער ליטעראַטור שפּראַך" אין שטאַרקמאַן 1967: 121-143.

מאַרשאַן, דזשיימז וו.

1959 רעצענזיע איבער פֿוקס 1957 אין *Word* 15: 383-394.

1960 "Three Basic Problems in the Investigation of Early Yiddish" in *Orbis* 9: 34-41.

1965 "The Origin of Yiddish" in *Communications et Rapports du Premier Congrès International de Dialectologie générale*, Centre International de Dialectologie générale, Louvain [=Travaux publiés par le Centre International de Dialectologie générale de l'Université Catholique de Louvain, 9], 3: 248-252.

מורג, שלמה

1971 Sh[elomo] Mo[rag], "Pronunciations of Hebrew" in *Encyclopaedia Judaica*, Macmillan: Jerusalem, 13: 1120-1145.

מיזעס [= מידש], מתּתיהו

1907 „בזכות השפה היהודית. ב." אין *העולם* 1.23: 281-283.

1908 „מתּתיהו מיזעסעס רעפֿעראַט וועגן דער יידישער שפּראַך" אין מאַקס ווײַנרײַך און זלמן רייזען 1931: 143-193.

Matthias Mieses, *Die jiddische Sprache. Eine historische Grammatik des Idioms der integralen Juden Ost- und Mitteleuropas*, Benjamin Harz: Berlin & Wien. 1924

מײַזיל, נחמן

1966 (רעד') *בער באָראָכאָוו, שפּראַך־פֿאָרשונג און ליטעראַטור־געשיכטע*, פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ: תל אביב.

נאָבל, שלמה

Shlomo Noble, "Yiddish Lexicography" in *Jewish Book Annual* 19: 17-22. 1962-1961

1964 „העברעאיזמען אין דעם יידיש פֿון מיטל־אַשכּנז אין 17טן יאָרהונדערט" אין *מאַקס ווײַנרײַכן צו זײַן זיבעציקסטן געבוירנטאָג. שטודיעס וועגן שפּראַכן בײַ יידן, וועגן יידישער ליטעראַטור און געזעלשאַפֿט*, מוטאָן: האַג.

ניגער, ש.

1913 (רעד') *דער פּנקס. יאָרבוך פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך, פֿאַר פֿאָלקלאָר, קריטיק און ביבליאָגראַפֿיע*, ב. א. קלעצקין: ווילנע.

סאַנדערס, משה

1947 „שטודיעס אין אַלט־יידישער ליטעראַטור. 1: יידישע פּריוואַט־בריוו פֿון יאָר 1567" אין *לשון און לעבן* 8 (נומער 1, העפֿט 84): 44-48.

סאָסיר, פֿערדינאַנד דע

Ferdinand de Saussure, *Cours de linguistique générale*. Publié par Charles Bally et Albert Sechehaye. Librairie Payot: Lausanne & Paris. 1916

סאַפּיר, עדוואַרד

Edward Sapir, "Notes on Judeo-German Phonology" in *Jewish Quarterly Review* 6 [new series]: 231-266. 1915

משה צבי סגל

1928 *יסודי הפונטיקה העברית. חקירה בהברון העברי ותולדותיו*, ספריה היסטורית־פילולוגית, ד"ר יהודה יונוביץ: ירושלים.

1929-1928 „לתולדות המבטא של הקמץ" אין *לשוננו* 1: 33-39.

עריק, מאַקס

1928 *די געשיכטע פֿון דער יידישער ליטעראַטור פֿון די עלטסטע צייטן ביז דער השכלה תקופֿה. פֿערצנטער־אַכצנטער יאָרהונדערט. מיט 35 בילדער און מעלאָדיעס*, קולטור ליגע: וואַרשע.

פּאָרדשעס, נ.

1921 N. Porgès, "Remarques sur le Yidisch alsacien-lorrain" in *Revue des Études Juives* 72: 192-200.

פינעס, מ.

1911 *די געשיכטע פֿון דער יידישער ליטעראַטור ביזן יאָר 1890*, ב. שימין: וואַרשע.

פפֿייפֿער, אַוגוסט

1680 August Pfeiffer, *Critica Sacra*, Gabriel Hübner: Dresden.

פרילוצקי, נח

1920 *צום יידישן וואָקאַליזם. עטיודן*, I [= *יידישע דיאַלעקטאָלאָגישע פֿאָרשונגען. מאַטעריאַלן פֿאַר אַ וויסנשאַפֿטלעכער גראַמאַטיק און פֿאַר אַן עטימאָלאָגיש ווערטערבוך פֿון דער יידישער שפּראַך*, IV = *נח פרילוצקיס כתבים*, X], [נייער פֿאַרלאַג]: וואַרשע.

1921 *דיאַלעקטאָלאָגישע פּאַראַלעלן און באַמערקונגען. עטיודן וועגן יידישן וואָקאַליזם* [= *יידישע דיאַלעקטאָלאָגישע פֿאָרשונגען*, III = *נח פרילוצקיס זאַמלביכער פֿאַר יידישן פֿאָלקלאָר, פילאָלאָגיע און קולטור־געשיכטע*, צווייטע העלפֿט פֿון צווייטן באַנד = *נח פרילוצקיס כתבים*, IX], [נייער פֿאַרלאַג]: וואַרשע.

פרילוצקי, נח און לעהמאַן, שמואל

1933 (רעד'ן) *אַרכיוו פֿאַר יידישער שפּראַך־וויסנשאַפֿט, ליטעראַטור־פֿאָרשונג און עטנאָלאָגיע*, ערשטער באַנד, נייער פֿאַרלאַג: וואַרשע.

פֿוקס, לייב

L. Fuks, *The Oldest Known Literary Documents of Yiddish Literature (c. 1382)*, 2 vols., E.J. Brill: Leiden. 1957

פֿילאָגלאָטוס

Philoglottus [=J.P. Lütke], *Kurze und gründliche Anweisung zur Teutsch-Jüdischen Sprache*, Christoph Matthäus: Freiberg. 1733

פֿישער, יחיאל

Jechiel Fischer, *Das Jiddische und sein Verhältnis zu den deutschen Mundarten unter besonderer Berücksichtigung der ostgalizischen Mundart. Erster Teil: Allgemeiner Teil — Lautlehre. Erste Hälfte: Allgemeiner Teil. Inauguraldissertation zur Erlangung der Doktorwürde einer Hohen Philosophischen Fakultät der Ruprecht-Karls-Universität Heidelberg*, Buchdruckerei Oswald Schmidt G.M.B.H.: Leipzig. 1936

פֿרידריך, קאַרל ווילהעלם

Carl Wilhelm Friedrich, *Unterricht in der Judensprache und Schrift zum Gebrauch für Gelehrte und Ungelehrte*, Chr. Gottf. Ragoczy: Prenzlau. 1784

צונץ, יום־טובֿ ליפּמאַן (לעאָפּאָלד)

Leopold Zunz, *Die gottesdienstlichen Vorträge der Juden, historisch entwickelt*, A. Asher: Berlin. 1832

צוקערמאַן, רחמיאל

Richard Zuckerman, "Alsace: An Outpost of Western Yiddish" in Herzog, Ravid & Weinreich 1969: 36-57. 1969

צינבערג, ישראל

„דער קאַמף פֿאַר ייִדיש אין דער אַלט־ייִדישער ליטעראַטור" אין פֿילאָלאָגישע שריפֿטן 2: 69-106. 1928

*די געשיכטע פֿון דער ליטעראַטור בײַ ייִדן, זעקסטער באַנד, אַלטער טייל. אַלט־ייִדישע ליטעראַטור פֿון די עלטסטע צײַטן ביז דער השכּלה־תּקופֿה*, פֿאַרלאַג טאָמאָר: ווילנע. 1935

קאַלענבערג, יאָהאַן הײַנריך

Johann Heinrich Callenberg, *Jüdischteutsches Wörterbüchlein*, Buchdruckerei des jüdischen Instituti: Halle. 1736

קאָפּלאַנד, ראָבערט מעלווין

Robert Melvin Copeland, *The Language of Herz's Esther: A Study in Judeo-German* [sic] *Dialectology. A thesis presented [...] to the Department of Germanic Languages and Literatures*, Harvard University. 1951

קאָפּלאַנד, ראָבערט מ. און זיסקינד, נתן

1976 Robert M. Copeland & Nathan Süsskind, *The Language of Herz's Esther: A Study in Judeo-German* [sic] *Dialectology*, University of Alabama Press: University [Alabama].

קלאַר, ב.

1951 „לתולדות המבטא העברי בימי הבינײם" אין *לשוננו* 17 : 72-75.

קלמנאָוויטש, זעליג

1937 רעצענזיע איבער פּרילוצקי און לעהמאַן 1933 אין ייוואָ בלעטער 11: 384-387.

קריזאַנדער, ווילהעלם קריסטיאַן יוסט

1750 Wilhelm Christian Just Chrysander, *Jüdisch-Teutsche Grammatik*, Johann Christoph Meisner: Leipzig & Wolfenbüttel.

רובאַשאָוו, זלמן

1929 „ייִדישע גבֿיות־עדות אין די שאלות ותשובֿות פֿון אָנהייב XV ביזן סוף XVII יאָרהונדערט" אין א. טשעריקאָווער (רעד"), *היסטאָרישע שריפֿטן*: 115-196.

רובשטיין, בן־ציון

1922 *די אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער שפּראַך (די סאָציאָלאָגישע און געשיכטלעכע פֿאַקטאָרן)*, שול און לעבן: וואַרשע.

רייזען, זלמן

1920 *גראַמאַטיק פֿון דער ייִדישער שפּראַך*, ש. שרעבערק: ווילנע.

1923 *פֿון מענדעלסאָן ביז מענדעלע. האַנטבוך פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער השכלה ליטעראַטור מיט רעפּראָדוקציעס און בילדער*, קולטור ליגע: וואַרשע.

רײַצענשטײַן, וואָלף עהרענפֿריד פֿאָן

1764 Wolf Ehrenfried von Reizenstein, *Der vollkommene Pferde-Kenner*, Johann Simon Meyer: Uffenheim.

שאַדעאוס, עליאַס

1592 Elias Schadeus, *Mysterium*, Simon Meyer: Strassburg.

שודט, יאָהאַן יאַקאָב

Johann Jacob Schudt, *Jüdische Merkwürdigkeiten*, Samuel Tobias 1714
Hocker: Frankfurt am Main & Leipzig.

שולמאַן, אלעזר

1898 „עמקי שפה" אין *השלח* 4: 37-46, 106-112, 221-229.

שזר, זלמן

1971 „גביות־עדות בלשון יידיש בשאלות־ותשובות מתחילת המאה החמש־עשרה עד סוף המאה השבע־עשרה" אין זײַן *אורי דורות. מחקרים והארות לתולדות ישראל בדורות האחרונים*, מוסד ביאליק: ירושלים, 239-319.

שטאַרקמאַן, משה

1967 (רעד׳) *עטרת שלמה. ספר היובל לשלמה ביקל ליום הולדתו השבעים. שלמה ביקל יובֿל בוך צו זײַן 70סטן געבוירנטאָג*, מתנות: ניו־יאָרק.

שטיף, נחום [= בעל דמיון]

1913 בעל דמיון, רעצענזיע איבער פּינעס 1911 אין ש. ניגער 1913: 313-348.

1922 (איבערגעזעצט מיט באַמערקונגען), מ. גידעמאַן, *ייִדישע קולטור־געשיכטע אין מיטלאַלטער*, כלל פֿאַרלאַג: בערלין.

1929 „די סאָציאַלע דיפֿערענציאַציע אין ייִדיש" אין *די ייִדישע שפּראַך* (קיעוו), 4-5 (17-18): 1-22.

שטערק, וו. און לײַצמאַן, אַ.

W. Staerk & A. Leitzmann, *Die jüdisch-deutschen Bibelübersetzungen* 1923
*von den Anfängen bis zum Ausgang des 18. Jahrhunderts*, J. Kauffmann: Frankfurt am Main.

שײַנעאַנו, לאַזאַר

Lazăr Şaineanu, *Studiu Dialectologic asupra Graiului Evreo-German*, 1889
Eduard Wiegand: Bucharest.

שיפּער, יצחק

1924 „דער אָנהייב פֿון ׳לשון אַשכנז׳ אין דער באַלײַכטונג פֿון אָנאָמאַטישע קוועלן" אין *ייִדישע פֿילאָלאָגיע* (וואַרשע), 1: 101-112, 272-287.

1933 „לשון אַשכּנזי׳ בעתּן 14טן און 15טן יאָרהונדערט״ אין פּרילוצקי און לעהמאַן 1933: 79-90.

שמערוק, חנא
1975 „די אַלט־ייִדישע ליטעראַטור: אירע אָנהייבן, מעגלעכקייטן און פּרימערע קאָנטאַקטן אין ח. בעז 1975: 139-218.

1977 Khone Shmeruk, "The Hebrew Acrostic in the *Yosef Hatsadik* Poem of the Cambridge Yiddish Codex" in *Michigan Germanic Studies* 3.2: 67-81.

## XVI
## נאָכוואָרט פֿון 1991

אָט די אַרבעט איז אָנגעשריבן געוואָרן פֿרילינג און זומער 1979 צו דער „ערשטער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפֿערענץ פֿאַר דער פֿאָרשונג פֿון דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור״ אין אָקספֿאָרד, 6-9 אויגוסט 1979. דער טעקסט פֿון דער אָריגינעלער אַרבעט (93 אָפּגעקלאַפּטע זײַטלעך, מימעאָגראַפֿירט) איז צוגעטיילט געוואָרן די אַלע אָנטיילנעמער אין דער קאָנפֿערענץ. אין משך פֿון די יאָרן האָב איך קאָפּיעס געשאָנקען קאָלעגן, סטודענטן און פֿאַרשידענע ביבליאָטעקן (צווישן זיי: דער אָריענטאַלישער אָפּטיילונג פֿון דער באָדלעיאַנער ביבליאָטעק אין אָקספֿאָרד און דער ייוואָ ביבליאָטעק אין ניו־יאָרק).

בשעתּן צוגרייטן די אַרבעט אין 1979 האָב איך גענאָסן פֿון דורכשמועסן זיך מיט יחיאל בן־נון ע״ה און דיסקוסיעס מיט — זיי צו לאַנגע יאָר — שמעון אַבראַמסקי, דוד דזשאַנאָגלי, מיכל הערצאָג, מײַקל ווײַצמאַן, רפֿאל הלוי און דניאל פֿראַנק; דערצו האָט מיר פּראָפֿ׳ אַבראַמסקי ברייטהאַרציק אויסגעליען אַ סך יקר־המציאותן פֿון זײַן פּריוואַטער ביבליאָטעק. בשעת דער קאָנפֿערענץ האָב איך

גענאָסן פֿון דער קריטיק פֿון אבֿרהם־נחום שטענצל ע"ה און זיי צו לאַנגע יאָר, יוסף בר־אל, מאיר וואָלף, הערמאַן זיס, וואָלף מאָסקאָוויטש, חיים פייפער, אריה־לייב פילאָווסקי, קלאַוס קונאָ, דוד־הירש ראָסקעס און חנא שמערוק. נאָך דער קאָנפֿערענץ, האָבן איבערגעלייענט דעם אָפגעקלאַפטן נוסח און פֿאָרגעלייגט אויסבעסערונגען שלמה בירנבוים, וואָלף יונין און מעינקע קאַץ, אַלע שוין אויפֿן עולם האמתֿ, און ביז 120 — קלמן האָטאָן, בערל כהן, קלמן קאָוול און דובֿ־בער קערלער. דבֿ סדנס ע"ה קריטישע באַמערקונגען זײַנען מיר בעל פה איבערגעגעבן געוואָרן אַדאַנק דער פֿרײַנדלעכֿער שלוחימשאַפֿט פֿון אריה־לייב פילאָווסקי. פֿאַרשטייט זיך אַז די אַחריותֿ פֿאַר די פֿאָרגעלייגטע טעאָריעס ווי אויך פֿאַר טעותֿן און שוואַכֿקײַטן, סײַ פֿון דעמאָלטיקן נוסח סײַ פֿון איצטיקן, טראָג איך אַליין.

אַ רעדאַקטירטער נוסח איז דערשינען אין בנימין הרושאָווסקיס העברעאישער איבערזעצונג אין *הספרות* (זע קאַץ 1986א). אַ קורצער ניט־טעכֿנישער סך־הכל אויף יידיש איז אָפגעדרוקט געוואָרן אין *קאַנאַדער יידישן זאַמלבוך* (זע קאַץ 1982א), אין זכותֿ פֿון דעם וואָס דער קאַנאַדער יידישער קאָנגרעס האָט אין 1979 צוגעטיילט דער אַרבעט די מהרש"ק פרעמיע. פֿאַר וועלכֿער איך וויל איצט ווידער אויסדריקן מײַן דאַנקבאַרקײַט.

די אָריגינעלע אַרבעט אויף יידיש דערשײַנט דאָ צום ערשטן מאָל. צוגרייטנדיק די אַרבעט צום דרוק אין 1991 פֿאַרן איצטיקן באַנד *אָקספֿאָרדער* יידיש האָב איך אַרײַנגעפֿירט סטיליסטישע שינויים אָבער כמעט גאָרניט קיין ענדערונגען אינעם אינהאַלט. טאָמער עמעצן אינטערעסירט פֿאַרגלײַכֿן ליגט דאָך דער אָריגינאַל אין די דערמאָנטע ביבליאָטעקן.

פֿאַרשטייט זיך אַז הײַנט וואָלט איך אַ סך זאַכֿן געשריבן אַנדערש, אָבער בײַ די הויפט מסקנותֿ פֿון דער אַרבעט האַלט איך זיך הײַנט ניט ווייניקער ווי אין 1979. פֿאַרקערט, פֿון אָט דער אַרבעט זײַנען אַרויסגעוואַקסן אַ ריי אַנדערע פֿאָרשונגען מײַנע אין גאַנג פֿון די יאָרן, וואָס האָבן מײַנע איבערצײַגונגען פֿאַרשטאַרקט, צווישן זיי מײַן לאָנדאָנער דאָקטאָר דיסערטאַציע (קאַץ 1982ב), אַ סך־הכל איבער די צווישן־שײַכֿותֿן צווישן העברעאיש, אַראַמיש און יידיש (קאַץ 1985א), און אַ צאָל אַרבעטן וואָס איך וועל אונטן דערמאָנען אין די הערותֿ צו די באַזונדערע קאַפיטלעך.

אײביק װעל איך עס האַלטן פֿאַר אַ שײנער פּאַרציע מזל װאָס אױף דער זעלביקער סעסיע אױף װעלכער איך האָב דעם פּאָרטראַג געהאַלטן, דאָנערשטיק אינדערפֿרי דעם 9טן אױגוסט 1979, האָט ראָבערט ד. קינג געלײענט זײַן רעפֿעראַט איבערן דײַטשישן קאָמפּאָנענט פֿון ייִדיש װאו ער האָט געטענהט אַז די גערמאַנישע עלעמענטן אין ייִדיש װײַזן אָן דורכױס אױף די באַװאַרישע און מזרח־צענטראַל דײַטשישע דיאַלעקטן, בכלל ניט אױף די מערבֿ־דײַטשישע דיאַלעקטן פֿון רײַן שטח װאָס ייִדן האָבן אַמאָל אָנגערופֿן „לותיר" (קינג 1979; זע איצט אױך פֿײבער און קינג 1984; קינג 1986). דאָס האָט מיך אַרױפֿגעפֿירט אױף אַ װעג צו דער דיפֿערענצירונג צװישן לותיר און דעם מער מזרחדיקן דאָנײַ שטח אױך בנוגע דעם סעמיטישן קאָמפּאָנענט אין ייִדיש און דער אַשכּנזישער קריאה. אַרבעטנדיק באַזונדער האָבן מיר בײדע — קינג און איך — אין די מיטן אַכציקער יאָרן אָנגעװיזן אױף רעגנסבורג אַלס עיר ואם בישראל מיט טױזנט יאָר צוריק, פּונקט אין דער טעריטאָריע װאו מיר האַלטן אַז ס'איז אױפֿגעקומען ייִדיש. אַז אַ טײַערער קאָלעגע קומט צום זעלביקן רעזולטאַט מיט זײַן מעטאָד, ברענגט עס פֿרײד. אַגבֿ איז יענע סעסיע אין 1979 אָרגאַניזירט געװאָרן דורך מיכל הערצאָג, װעלכער איז אױך געװען דער פֿאָרזיצער.

איצט, אַ ביסל באַמערקונגען צו די באַזונדערע קאַפּיטלעך.

צו I, II:

חיים פֿײפֿער האָט געטענהט אַז מײַן „טעקסטן־טעאָריע" v „ירושה טעאָריע" דיכאָטאָמיע איז בעצם אַ רעטאָרישער מעכאַניזם: דאָס אױפֿשטעלן אַ „שטרוימאַן" װאָס מ'גײט דערנאָך אַראָפּהאַקן. לױט מײַן אײַנזען גײט דאָ אין דער נײטיקײַט צו קאַטעגאָריזירן עקזיסטירנדיקע מײנונגען לױט אַ ראַם װאָס לאָזט אָרט אױך פֿאַר אַנדערע מײנונגען, אַ ראַם װאָס גיט די מעגלעכקײַט אַרומצורײדן טעאָריעס בקיצור. אין דעם פֿאַל האַלט איך אַז די געבראַכטע ציטאַטן װײַזן אָן, אָן װעלכן ניט איז ספֿק, אַז די „טעקסטן־טעאָריע" איז שױן אײן מאָל אַ פֿאַקט אין אונדזער װיסנשאַפֿט. גענוג אָנצואװײַזן אױף די זוכענישן נאָך גענױע פּסוקים.

צו די שײַכותן צװישן גענעטישער לינגװיסטיק און איבערנעם בײַ שכנים זע איצט טאָמאַסאָן און קאַופֿמאַן (1988).

צו II:

פֿאַרשטייט זיך אַז די נײַע יידישע פֿילאָלאָגיע האָט באַוואוסטזיניקערהייט ניט איבערגענומען די טעקסטן־טעאָריע בײַ די קריסטלעכע פֿאָרשער פֿון יידיש פֿון זעכצנטן יאָרהונדערט. נאָך וואָס? פֿון זעכצנטן יאָרהונדערט און ווײַטער האָט זיך שוין געשאַפֿן אַן אינטעלעקטועלע טראַדיציע, אַ געדאַנקען־קייט, אין וועלכער די גערמאַניסטן פֿון נײַנצנטן און אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָבן בירושה געהאַט פֿון זייערע פֿאָרגייער געוויסע „אָנגענומענע אמתן". די מאָדערנע יידישע פֿילאָלאָגיע, ניט געקוקט אויף איר געלונגענעם אַוועקרײַסן זיך פֿון פֿריערדיקן קוק אויף יידיש איז דאָך — ניט־באַוואוסטזיניקערהייט — מושפּע געוואָרן פֿון דער דור־דורותדיקער טראַדיציע בײַ געלערנטע. און אַזוי טרעפֿט אָפֿט, מיר נעמען אַלע אָן פֿאַר גוט געלט אַ סך זאַכן, ניט באַמערקנדיק דערבײַ אַז ס'איז שוין צײַט מ'זאָל אַ קוק טאָן זען צי די עצם פּאַראַגידמעס, די אָנגענומענע אמתן, זאָל מען ניט נעמען אויפֿן צימבל. אין אונדזער פֿאַל האָט מען די טעאָריעס איבערן מקור פֿון סעמיטישן חלק איבערגענומען, ניט באַמערקנדיק די אינטעלעקטועלע טראַדיציע וואָס האָט געפֿירט צו דער טעאָריע. צו דער אינטעלעקטועלער געשיכטע פֿון דער פֿאָרשונג פֿון יידיש זע איצט פֿרייקס (1989). קאַץ (1980א; 1981א; 1981ב; 1986ב; 1987א; 1990א).

אויף יענער אָקספֿאָרדער קאָנפֿערענץ אין 1979, האָט דער איבערגעגעבענער און אויסערגעוויינטלעך טאַלאַנטירטער ביבליאָגראַף פֿון עלטערן יידיש, הערמאַן זיס (וועלכער האָט נאָך הײַנט פּרנסה פֿון אַרבעטן אַלס קאָנדוקטאָר בײַ די דײַטשישע אײַזנבאַנען), דעם עולם יידיש־פֿאָרשער מוסר מודעה געווען וועגן אַ צאָל פֿון זײַנע סענסאַציאָנעלע אַנטדעקונגען אויפֿן געביט פֿון יידיש; צווישן זיי: וועגן מיילפֿירערס העברעאישער גראַמאַטיק, אַרויס אין 1607, ד"ה צוויי יאָר פֿאַר בוקסטאָרפֿן, וואָס האָט אַ גאָר אינטערעסאַנטן קאַפּיטל איבער יידיש (מיילפֿירער 1607: 262-267; זע איצט זיס 1982). אויך מיילפֿירער שרײַבט וועגן דעם „אַרײַנמיש" פֿון העברעאישע ווערטער אין יידיש (ז' 265).

צו III:

וואָס שייך ראָטוועלש ווי אַ מקור צו דער געשיכטע פֿון יידיש, ווי עס האָט פֿאָרגעלייגט אַווע־לאַלעמאַן, האָב איך געטענהט אַז אין דער דײַטשישער

גנבֿים־שפּראַך איז דאָ אַ וועלט מיט מאַטעריאַל וואָס קען (אין די ריכֿטיקע הענט!) געבן צושטײַער דער יידישער פֿילאָלאָגיע (זע קאַץ 1981ג).

די מחלוקתן איבערן אורשפּרונג און עלטער פֿון יידיש האָט מען ווײַטער געפֿירט אין די אַכֿציקער יאָרן; זע למשל די אַרבעטן פֿון וועקסלער (1987א), זיסקינד (1987), יפֿהן (1987), מאַרשאַן (1987), פֿײַבער (1987), פֿוקס (1987), און קאַץ (1987ב), וואָס גייען אַרײַן אין באַנד *Origins of the Yiddish Language* (קאַץ 1987ג).

צו IV:

אין משך פֿון די יאָרן בין איך געקומען צו צוויי מסקנות וועגן דער שפּראַך פֿון אַ גרויסער צאָל ל י ט ע ר אַ ר י ש ע כתבֿים וואָס גייען אַרײַן אין דער רובריק „אַלט־יידישע ליטעראַטור". ערשטנס: אַ סך פֿון זיי זײַנען געשריבן געוואָרן אויף פֿאַרשידענע נוסחאות דײַטש, מיט יידישע אותיות, מיט פֿאַרשידענע יידישע שפּורן, וואו מער און וואו ווייניקער. ווי איך באַטאָן אין טעקסט איז דאָס לחלוטין ניט קיין ראיה ניט וועגן דער עקזיסטענץ ניט וועגן לינגוויסטישן כאַראַקטער פֿון יידיש אין וועלכֿער ניט איז תקופֿה, פֿאַרקערט איך האַלט פֿון אַ גאָר הויכֿן עלטער פֿון יידיש. צווייטנס: די עלעמענטן פֿון דער שפּראַך פֿון די יידן וואָס זײַנען יאָ פֿאַראַן זײַנען אָפּטמאָל ניט פֿון יידיש נאָר פֿון דער שפּראַך פֿון די אַמאָליקע יידן פֿון רײַן געגנט, וואָס איז אויך געווען אַ גערמאַנישע שפּראַך מיט אַ סעמיטישן קאָמפּאָנענט, אָבער ניט — יידיש (זע קאַץ 1987ב: 54-55; 1991א; אין דרוק א; אין דרוק ב).

אגבֿ איז דער איבערגאַנג פֿון דער אַמאָליקער ליטעראַרישער שפּראַך אויפֿן הײַנטיקן גרינטלעך באַהאַנדלט געוואָרן דורך דובֿ־בער קערלער (1988; 1990).

דער תמצית פֿון די אָנגעווײַזטע אַרבעטן פֿון חנא שמערוקן זײַנען אַרײַן אין זײַנע ביכֿער, אויף יידיש און העברעאיש, איבער דער געשיכֿטע פֿון דער יידישער ליטעראַטור (שמערוק 1978; 1988).

צו V:

אַז דער סעמיטישער חלק אין יידיש איז איצט שוואַכֿער איידער אַמאָל בין איך נאָך הײַנט איבערגעצײַגט, נאָר וואָס, אַ סך פֿון מײַנע ד ו ג מ א ו ת בײַ

אָט דעם פּונקט טויגן אויף קלאָגן. און אויפֿן ערשטן אָרט וויל איך באַדאַנקען שלמה בירנבוימען פֿאַרן אויפֿווײַזן מיר אין אַ בריוו, און דבֿ סדנען פֿאַרן איבערגעבן דורכן שליח מיוחד אריה־לייב פּילאָווסקי, אַז איך האָב פֿאַרנאַכלעסיקט נעמען אין אַכט אַז די קאָמפּילאַטאָרן פֿון אַכצנטן יאָרהונדערט זײַנען אויך אויסן געווען אויפֿדעקן פֿאַר קריסטן די ספּעציעל סטיליזירטע שפּראַך פֿון „דברענען דער ערל זאָל ניט מבֿין בלשון זײַן", ד"ה פֿונעם יידנס געהיים־לשון. אויך אריה־לייב פּילאָווסקי גופֿא האָט פֿרײַנדלעך גענומען אַמפּערן מיט מיר. בײַ אַ גלעזל קאַווע אין אַ תּל־אָבֿיבֿער קאַפֿע האָט ער בײַ מיר אין 1981 געפֿרעגט: „חבֿר מײַנער, מ׳דאַרף זײַן זייער אָפּגעהיט, דו גלייבסט טאַקע אַז מ׳האָט געזאָגט *ספֿינר*?"

הייסט דאָס אַז ניט אַלץ וואָס מ׳געפֿינט בײַ די קאָמפּילאַטאָרן דאַרף מען אָננעמען פֿאַרן עכטן טאָגטעגלעכן יידיש פֿון יענער תּקופֿה. דאָס בייגן אַשטייגער העברעאישע אַדיעקטיוון קען גרײַלעך זײַן אַ סטיליזאַציע אין דער פֿאַרקערטער ריכטונג פֿונעם סופֿרים נוסח. בײַם סופֿרים נוסח איגנאָרירט מען די כּללים לויט וועלכע די גערמאַנישע און סעמיטישע קאָמפּאָנענטן זײַנען זיך אין יידיש מתיחד. אין דער מערבֿ־יידישער „סודות־שפּראַך" פֿאַרקערט איז מען מיט אַ כּיוון מ ג ז ם די נאַטירלעכע פּראָצעסן פֿון מאָרפֿאָלאָגישער פֿאַראייניקונג. ס׳טוט מיר באַנג וואָס אין דעם קאַפּיטעלע איז פֿאַראַן אַ סמיכות הפּרשה צווישן מײַנע דוגמאות און די ביבליאָגראַפֿישע אָפּשיקן צו די גלענצנדיקע בײַשפּילן וואָס ס׳האָט געבראַכט מײַן לערער שלמה נאָבל ע"ה אונטערשטיצנדיק די זעלביקע מיינונג — אַז יידיש האָט אַמאָל געהאַט אַ סך אַ גרעסערן סעמיטישן קאָמפּאָנענט איידער הײַנט.

דאָס הייסט אָבער ניט אַז די לעקסיקאָגראַפֿישע עשירות פֿון די קאָמפּילאַטאָרן איז מדעיקרא „חשוד". צוליב זייערע פּראַקטישע צילן און אָפּטמאָל זייער עם־הארצות זײַנען דאָס פֿאַרן לינגוויסט אוצרות. נאָר וואָס? מ׳דאַרף נעמען אַנטוויקלען מכשירים אויף אויסצופּלאָנטערן די פֿאַרשידענע סטילן יידיש וואָס זײַנען בײַ די פֿאַראַן (זע פֿון פֿאַרגלײַך וועגן די בײַשפּילן אין קאַץ 1990ב: 179-180, 187, 192).

צום „סופֿרים נוסח" זע איצט אויך קאַהאַן־נײַמאַן 1990.

צו VII:

די טענה אַז פֿאָרמען פֿון תּנכישן העברעאיש קען מען נאָר טרעפֿן אין יידיש

בתורת „חלק שבחלק“ האָב איך צוערשט פֿאָרגעלייגט אין אַ זמן־אַרבעט אין קאָלאָמביע אוניווערסיטעט. מײַן ערשטע אַרבעט אויפֿן געביט פֿון ייִדישער פֿילאָלאָגיע (קאַץ 1975). דאָרטן האָב איך עס פֿאָרגעשלאָגן מער ראַדיקאַל: דער ייִדישער אַראַמיש גופֿא האָט אין זיך אַ ריזיקן העברעאישן קאָמפּאָנענט; אַלע סעמיטיזמען אויף ייִדיש, סײַ די מאָרפֿאָלאָגיש העברעאישע, סײַ די מאָרפֿאָלאָגיש אַראַמישע, שפּיגלען אָפּ דעם צושטאַנד אין ייִדישן אַראַמיש, ניט אין פֿריערדיקן העברעאיש; דערפֿון איז געדרונגען אַז דער סעמיטישער חלק אין ייִדיש איז פּינקטלעכער גערעדט דער אַ ר אַ מ י ש ע ר חלק אין ייִדיש וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן בירושה פֿון דער אַראַמישער תּקופֿה ביז אין דער אייראָפּעאישער תּקופֿה, אַזוי אַרום אַז אַ ניט־איבערגעריסענע קייט לעבעדיקע שפּראַך ציט זיך פֿון סאַמע אַלט־העברעאיש דורך דער אַראַמישער תּקופֿה אַזש ביז אין ייִדיש אַרײַן (זע קאַץ 1985). ווײַזן שוואַרץ אויף ווײַס אַז די ערשטע אַשכּנזים האָבן פֿריער גערעדט אַראַמיש איז מיר ניט געלונגען; אַלץ אַרום דעם איז מוטל בספֿק און נוטה למחלוקת: ווער זײַנען געווען די ערשטע אַשכּנזים, ווען איז דאָס געווען, וואו איז דאָס געווען און נאָך. נאָר וואָס: די הויפּט ראיות — די פֿאָנאָלאָגישע — באַווײַזן אַז די פֿאָנאָלאָגיע פֿון סעמיטישן חלק אין ייִדיש שטאַמט פֿון דער מזרח תּקופֿה, ניט פֿון די ספֿרים, ניט פֿון דײַטש. גענומען אינאיינעם מיט דער לעקסישער און סעמאַנטישער עווידענץ, איז פֿאַראַן, רעכן איך, אַ היפּש ביסל באַווײַזן.

אגבֿ האָט מײַן „אַראַמישע טעאָריע“ אַרויסגערופֿן פֿאַרשידענע רעאַקציעס. מער טשיקאַווע פֿון אַלע זײַנען די אָפּרופֿן פֿון פּאָול וועקסלער. צוערשט האָט ער מסכּים געווען דערמיט, האָט נאָך צוגעגעבן „פֿינף סיבות מ'זאָל זיך משער זײַן אַז ס'איז געווען אַן אַראַמיש רייִדנדיקער ציבור אין מערבֿ אייראָפּע בײַם סוף פֿון לעצטן יאָרטויזנט“ (וועקסלער 1987א: 72). נאָך מײַן קריטיק פֿון זײַן „ייִדישער אינטערלינגוויסטיק“ (קאַץ 1985א) האָט ער אַפּנים באַשלאָסן: „מ'דאַרף זיך אָפּרעכענען“, האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט אין זשורנאַל *Language* אַ פּאַשקוויל קעגן *Origins of the Yiddish Language* (קאַץ 1987ג), געחתמעט „פּאַוולאָ סלאָבאָדיאַנסקי“, וואו ער דערמאָנט „קאַצעס אומגלייבלעכע טעאָריע“ (סלאָבאָדיאַנסקי 1988: 762). נאָכן אויפֿשטעלן אַן אונטערזוכונגס־קאָמיסיע האָט

די רעדאַקציע אָפּגעדרוקט אַן אַנטשולדיקונג (באַנד 67, מערץ 1991, ז' 114) וואו ס'ווערט באַשטעטיקט אַז דער קאָלעגע סלאָבאָדיאַנסקי עקזיסטירט נעבעך ניט. די רעצענזיע האָב איך געענטפֿערט, אַרומרייִדנדיק אי די פֿראַגן צו דער געשיכטע פֿון ייִדיש, אי די פֿראַגע, ווער איז דאָס „סלאָבאָדיאַנסקי" (קאַץ 1991ב).

צו VIII:

די אַפּריאָרי אַרגומענטן („אריכת ימים" אַנטקעגן „תחיית המתים") האָב איך לכתחילה פֿאָרגעלייגט אין אַ רעפֿעראַט אין אַפּריל 1976, וואָס האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ סעסיע פֿונעם בשותּפֿותדיקן סעמינאַר פֿון קאָלאָמביע אוניווערסיטעט און דעם ייִוואָ איבער ייִדישער לינגוויסטיק (אָנגעפֿירט פֿון מיכל הערצאָג). טייל פֿון די גראַפֿישע מאַטעריאַלן וואָס איך האָב דעם עולם צעטיילט אויף צו אילוסטרירן די פֿראַגן זײַנען שפּעטער אַרײַן אין קאַץ (1985א: 89, 93, 98, 100).

וועגן בײַטראָג פֿון דער ייִדישער פֿילאָלאָגיע צו דער דעבאַטע איבער קדמון שפּראַכן אין דער היסטאָרישער לינגוויסטיק, זע מאַרשאַן (1987) און קאַץ (1987ב: 48-50; 1988ג).

אַ מאָדיפֿיצירטן נוסח פֿון מאַקס ווײַנרײַכס סיסטעם פֿון קדמון ייִדישן וואָקאַליזם האָב איך פֿאָרגעלייגט אין קאַץ (1982ב) און (1983א).

וועגן אַ סעריע ווערטער וואָס זייער וואָקאַלישע יוצא־דופֿנדיקייט איז גראַדע ניט „יוצא־דופֿנדיק אויפֿן זעלביקן אופֿן" אין אַלע דיאַלעקטן, זע קאַץ (1980ב).

צו IX:

איך האָב פֿאָרגעשלאָגן אַ מעטאָדאָלאָגיע ווי אַזוי אויסצופֿאָרשן וואָקאַליזירטע העברעאישע און אַראַמישע כּתבֿ־ידן וואָס שטאַמען פֿון מיטלעלטערישן אַשכּנז, קוקנדיק פֿון אַ לינגוויסטישן שטאַנדפּונקט, בפֿרט פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דער געשיכטע פֿון י י ד י ש. איך בין שטאַרק מחולק מיט די גרונט הנחות און די מעטאָדן פֿון דער איצטיקער פֿאָרשונג איבער אַזעלכע מאַנוסקריפּטן (קאַץ 1985ב; 1987ב: 52-54).

צו IX-X:

אין משך פֿון די יאָרן האָב איך אײַנגעזען אַז מײַן טענה, אַז צו דער

געשיכטע פֿון יידיש קען מען פּשוט איגנאָרירן לשון־קודשדיקע כּתבֿ־ידן וואָס ווײַזן אַנדערש איידער לינגוויסטישע רעקאָנסטרוקציעס, האָט ניט קיין האַפּט. איך האַלט ווײַטער אַז די רעקאָנסטרוקציע איז די בעסטע און דיכֿערסטע שיטה, נאָר וואָס, אויב אין אַ ים מיט מאַנוסקריפּטן פֿון אַלטן אַשכּנז פּלאָנטערט מען קמץ מיט פּתח און צירה מיט סגול, קען מען דאָס לחלוטין ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט.

איך האָב פּאָסטולירט אַז אין עלטסטן אַשכּנז זײַנען געווען צוויי גאָר פֿאַרשידענע סיסטעמען קריאה, צוויי גאָר פֿאַרשידענע גערעדטע שפּראַכן. צו מערבֿ צו, אין לותיר בײַם רײַן האָט מען טאַקע געהאַט אַ פֿינף־וואָקאַלישע לשון־קודשדיקע סיסטעם קריאה, אַ פֿינף־וואָקאַלישן סעמיטישן קאָמפּאָנענט, אַן איבערגאַנג פֿון חית אין h אין די יידע, אַ גערמאַנישן קאָמפּאָנענט וואָס קערט זיך אָן מיט די רײַנלענדישע דײַטשישע דיאַלעקטן, אַ צונויפֿפֿאַל פֿון s און š. אַקיצור ס'איז געווען אַן אַנדער שפּראַך, די שפּראַך פֿון די אַמאָליקע מערבֿדיקע אַשכּנזים. יידיש (אין אַלע זײַנע דיאַלעקטן און נוסחאות, בתּוכם די סאַמע מערבֿדיקסטע טאַקע בײַם רײַן, אין עלזאַס און אין האָלאַנד) שטאַמט פֿון די אַמאָליקע מזרחדיקע אַשכּנזים בײַם דאָנײַ, אין אַזעלכע שטעט ווי רעגנסבורג, ראָטנבערג, נירנבערג, פּראָג און ווין (זע קאַץ 1987ב: 55-58; 1988א: 39-43; 1991א; אין דרוק א). אַ רײ פֿראַגן צו דער פֿאָנאָלאָגיע פֿון אַשכּנזיש ווערן אַרומגערעדט אין קאַץ (אין דרוק ב).

צו X-XI:

דער תּמצית פֿון דער אינעווייניקסטער רעקאָנסטרוקציע וואָס ווערט דאָ פֿאָרגעלייגט האָב איך צוערשט פֿאָרגעשלאָגן אין קאַץ (1977). דעמאָלט האָב איך זיך געהאַלטן בײַ אַ מין „פּוריסטישער אינעווייניקסטער רעקאָנסטרוקציע", ניט נעמענדיק אין באַטראַכט די פֿאָרמען אין העברעאיש און אַראַמיש. דערפֿאַר באַווײַזן זיך דאָרטן אַזעלכע בײַשפּילן ווי *אמת* (איגנאָרירנדיק אַז לכתּחילה איז דער שײַכותדיקער טראַף געווען אומבאַטאָנט) און *כּלה* (איגנאָרירנדיק אַז לכתּחילה איז דער שײַכותדיקער טראַף געווען  סײַ אומבאַטאָנט סײַ פֿאַרמאַכט). נמצא אַז אינעווייניקסטע רעקאָנסטרוקציע אָן אַ קאָנטראָל פֿון היסטאָריש באַוואוסטע פֿאָנאָלאָגישע אײַנשאַפֿטן קען טאַקע פֿאַרפֿירן, כאָטש אין דעם פֿאַל זײַנען טייל דוגמאות געווען „פֿאַלשע", די מסקנא — די ריכטיקע (אַזוי רעכן איך). די

אינעווייניקסטע רעקאָנסטרוקציע האָט געגעבן אַן אַלגעמיין ריכטיק בילד, אַ בילד וואָס די היסטאָריקער פֿון יידיש האָבן געהאַט פֿאַרזען נוצנדיק בלויז די מקור־שפּראַכן פֿאַרן אויסגאַנג־פּונקט.

הייסט דאָס אַז איך האַלט ביי דער מיינונג אַז די אינעווייניקסטע רעקאָנסטרוקציע איז אַ גוואַלדיק שטאַרקער מעטאָד, די שיטה דאַרף אָבער זיין אָט אָ דעם מעטאָד צו נוצן מיט די אַנדערע פֿאַראַנענע מעטאָדן. אַזאַ מין „שותּפֿות" ווערט טאַקע מקוים אין דער אַרבעט וואָס ליגט איצט פֿאַרן לייענער, הגם ברמיזא. אַזאַ שותּפֿות האָב איך אויך אויפֿגעשטעלט אין פֿאַרשידענע אַרבעטן, אומעטום מיט איין רעזולטאַט, דהיינו אַז די סינכראָניש־באַזונדערע דיפֿאָנגען, די וואָקאַלן 22, 42, און 12, וואָס ענטפֿערן אויף די אָפּנטראַפֿיקע צירה, חולם און קמץ, קענען בשום אופֿן ניט שטאַמען פֿון וועלכן ניט איז פּראָצעס פֿון פֿאַרלענגערונג (קאַץ 1982ב, 1991א: 112-116).

אגב, יענעם נוסח פֿון 1977 האָב איך צוגעשיקט צו זשאַן לעווענשטאַם וועלכער האָט עס באַוויזן אויסנוצן אין זיין טעאָרעטישער אַרבעט איבער דער סטרוקטור פֿון טראָפּן (לעווענשטאַם 1979); איך דאַנק אים פֿאַר זיין פֿריינדלעכער אַקרעדיטירונג (דאָרטן, ז' 120).

צו XIII:

וואָס שייך דער גראַפֿישער און פֿאָנאָלאָגישער סטרוקטור פֿון עלטערן מערבֿ יידיש איז איצט דאָ עריקאַ טימס אויסערגעוויינטלעך ווירקיק ווערק (טים 1987). צו די אַרומגערעדטע וואָקאַלן זע דאָרטן, זז' 93-121.

וועגן פֿרידריכס פּיאָנערישער אַרבעט איבער דער יידישער דיאַלעקטאָלאָגיע אין אַכצנטן יאָרהונדערט זע קאַץ (1988א: 47-53).

צו XIV:

אַ פּאָר חדשים נאָך דער אָקספֿאָרדער קאָנפֿערענץ האָב איך אויף דער ייוואָ קאָנפֿערענץ אין ניו־יאָרק אין נאָוועמבער 1979 פֿאָרגעשלאָגן אַ פֿאָרמעלע קלאַסיפֿיקאַציע פֿון די מערבֿ־יידישע דיאַלעקטן לויט וועלכער עלזאַס, לאָטרינגען און שווייץ געהערן דרום־מערבֿ יידיש; צענטראַל דייטשלאַנד געהערט צענטראַל־מערבֿ יידיש; האָלאַנד און צפֿון דייטשלאַנד געהערן צפֿון־מערבֿ יידיש.

די ביידע דרומדיקע דיאַלעקטן (דרום־מערבֿ און צענטראַל־מערבֿ יידיש) וואָס האָבן אַ סך בשותּפֿות קעגנאיבער דעם צפֿון, פֿורעמען ביידע אויס דעם דרומדיקן מערבֿ יידיש (קאַץ 1979; 1983א: 1021, 1025-1028).

דאָס אויספּלאָנטערן די אינעווייניקסטע פֿאַרהעלטעניש צווישן די ō, ou און ū רעאַלידירונגען פֿון וואָקאַל 12 אין תּחום פֿון דרומדיקן מערבֿ יידיש גופֿא איז ניט שייך צום ענין, שייך איז נאָר די אַנדערשקייט פֿון די אַלע רעאַלידירונגען אַנטקעגן דעם ā וואָס באַווײַזט זיך אויף וואָקאַל 13. צו די רעאַלידירונגען גופֿא, זע איצט, וועגן דרום־מערבֿ יידיש, בראָדי (1990: 32-33, 46), וועגן צענטראַל־מערבֿ יידיש, קאַץ (1986ג).

צו XV:

איך בין זיך מודה ומתוודה אַז איינער פֿון די גליקלעכסטע מאָמענטן אין מײַן לעבן איז עס געווען, ווען איך האָב פֿרילינג 1983 געפֿונען אין דער באָדלעיאַנע אַ העברעאישן כּתבֿ־יד, דאַטירט 1258, וואו דער ניקוד גיט איבער פּינקטלעך די פֿאָנאָלאָגישע סיסטעם וואָס איך האָב אויפֿגעשטעלט על פּי רעקאָנסטרוקציע אין קאַץ (1977) און אין אָקספֿאָרדער רעפֿעראַט פֿון 1979 וואָס דערשײַנט אין איצטיקן באַנד *אָקספֿאָרדער יידיש*. דעם כּתבֿ־יד האָב איך געשילדערט אין צוויי רעפֿעראַטן (קאַץ 1983ב; 1985ב) און אין קאַץ (1987ב: 57). דער תּמצית: אין פֿאַרמאַכטע טראַפֿן פּלאָנטערט דער נקדן קמץ מיט פּתח און צירה מיט סגול, אין אָפֿענע טראַפֿן ניט, אַ סימן אַז דער כּתבֿ־יד שטאַמט פֿונעם טייל אַשכּנז וואו ס'איז אויפֿגעקומען יידיש. גאָר אַ ווײַטער מהלך פֿון די רײַנלענדישע כּתבֿ־ידן וואו מ'פּלאָנטערט אין אַלערלייאיקע טראַפֿן.

## ביבליאָגראַפֿיע צום נאָכוואָרט

בירנבוים, שלמה
1979 Solomon A. Birnbaum, *Yiddish: A Survey and a Grammar*, Manchester University Press: Manchester and University of Toronto Press: Toronto.

בלומענטאַל, דוד ר.
David R. Blumenthal (ed.), *Approaches to Judaism in Medieval Times*, 2 [= *Brown Judaic Studies*, 57], Scholars Press: Chico, California. 1985

בעש, ווערנער און אַנדערע
Werner Besch et al. (eds.), *Dialektologie. Ein Handbuch zur deutschen und allgemeinen Dialektforschung*, 2, Walter de Gruyter: Berlin. 1983

בראָזי, יאָהאַנעס
Johannes Luzius Brosi, *Southwestern Yiddish: A Study in Dialectology, Folklore and Literature*, University of Oxford MLitt dissertation. 1990

געלבער, מאַרק ה.
Mark H. Gelber (ed.), *Identity and Ethos. A Festschrift for Sol Liptzin on the Occasion of his 85th Birthday*, Peter Lang: New York. 1986

וועקסלער, פּאָול
Paul Wexler, "Reconceptualizing the Genesis of Yiddish in the Light of its Non-Native Components" in Katz 1987c: 135-142. 1987א

*Explorations in Judeo-Slavic Linguistics*, E. J. Brill: Leiden. 1987ב

(ed.), *Studies in Yiddish Linguistics*, Max Niemeyer: Tübingen. 1990

זיס, הערמאַן
Hermann Süss, "Eine unbekannte jiddische Sprachlehre von Johannes Meelführer, Ansbach 1607" in *Nachrichten für den jüdischen Bürger Fürths*, Sept. 1982: 35-38. 1982

זיסקינד, נתן
Nathan Susskind, "A Partisan History of Yiddish" in Katz 1987c: 127-134. 1987

זיפּער, יעקבֿ און שפּילבערג, חיים
(רעד'ן) *קאַנאַדער יידישער זאַמלבוך*, נאַציאָנאַלער יידיש קאָמיטעט בײַם קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס: מאָנטרעאָל. 1982

טאָמאַסאָן, סאַראַ גריי און קאַופֿמאַן, טערענס
Sarah Grey Thomason and Terrence Kaufman, *Language Contact, Creolization, and Genetic Linguistics*, University of California Press: Berkeley. 1988

טים, עריקאַ
Erika Timm, *Graphische und phonische Struktur des Westjiddischen unter besonderer Berücksichtigung der Zeit um 1600*, Max Niemeyer: Tübingen. 1987

יפֿהן, יוכבֿד

Jean Jofen, "The Origin of the *o* Vowel in Southeastern Yiddish" in Katz 1987
1987c: 39.

לעווענשטאַם, זשאַן

Jean Lowenstamm, *Topics in Syllabic Phonology*, University of Massa- 1979
chusetts doctoral dissertation.

מאַרשאַן, דזשײמז װ.

James W. Marchand, "Proto Yiddish and the Glosses: Can we Reconstruct 1987
Proto Yiddish?" in Katz 1987c: 83-94.

מײלפֿירער, יאָהאַנעס

Johannes Meelführer, *Grammaticæ Hebrææ, Compendiosa institutio*, 1607
Paulus Bohemus: Ansbach.

סלאָבאָדיאַנסקי, פּאַוולאָ

1988 רעצענזיע איבער קאַץ 1987 ג אין *Language*, 64: 761-766.

פֿוקס, לײב

Leo Fuks, "The Romance Elements in Old Yiddish" in Katz 1987c: 23-25. 1987

פֿײבער, אַליס

Alice Faber, "A Tangled Web: Whole Hebrew and Ashkenazic Origins" in 1987
Katz 1987: 1987c: 15-22.

פֿײבער, אַליס און קינג, ראָבערט ד.

Alice Faber and Robert D. King, "Yiddish and the Settlement History of 1984
Ashkenazic Jews" in *The Mankind Quarterly* 24: 393-425 [= Blumenthal
1985: 73-108].

פֿישמאַן, שיקל

Joshua A. Fishman (ed.), *Readings in the Sociology of Jewish Languages*, 1985
E. J. Brill: Leiden.

פֿרײקס, דזשעראַלד

Jerold C. Frakes, *The Politics of Interpretation. Alterity and Ideology in* 1989
*Old Yiddish Studies*, State University of New York Press: Albany.

קאַהאַן=נײמאַן, זעלדע

Zelda Kahan-Newman, "Another Look at Yiddish Scribal Language" in 1990
Wexler 1990: 35-46.

קאַץ, הירשע־דוד [= קאַץ, דוד]

1975 „פֿון אַראַמיש ביז ייִדיש", זמן־אַרבעט צום קורס „אַרײַנפֿיר אין ייִדיש־שטודיעס", קאָלאָמביע אוניווערסיטעט, דעצעמבער.

1977 Dovid Katz, "First Steps in the Reconstruction of the Proto Vocalism of the Semitic Component in Yiddish", paper placed before the Seminar in Yiddish Studies, Columbia University, 20 December.

1979 „די אינעווייניקסטע קלאַסיפֿיקאַציע פֿון די מערבֿ־ייִדישע דיאַלעקטן", רעפֿעראַט אויף דער 53סטער ייִוואָ קאָנפֿערענץ, ניו־יאָרק, 10-13 נאָוועמבער.

1980א Dovid Katz, "Ber Borokhov, Pioneer of Yiddish Linguistics" in *Jewish Frontier* 47 (no. 6/506): 10-20.

1980ב "The Wavering Yiddish Segolate: A Problem of Sociolinguistic Reconstruction" in *International Journal of the Sociology of Language* 24: 5-27.

1981א רעצענזיע איבער בירנבוים 1979 אין *Journal of Semitic Studies*, 26: 171-176.

1981ב ביאָגראַפֿיעס פֿון קאַלענבערג, קריזאַנדער, קריסטיאַן, רײַצענשטײַן, אין *לעקסיקאָן פֿון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור*, VIII, אַלוועלטלעכער ייִדישער קולטור קאָנגרעס: ניו־יאָרק.

1981ג „ייִדיש און די סודותדיקע שפּראַכן: די מקורות און וואָס זיי לאָזן אונדז הערן", רעפֿעראַט אויפֿן אַכטן וועלט קאָנגרעס פֿאַר ייִדישע שטודיעס, ירושלים, 17-21 אויגוסט.

1982א „דער סעמיטישער חלק אין ייִדיש: אַ ירושה פֿון קדמונים (אויסצוגן)" אין זיפּער און שפּילבערג 1982: 110-116.

1982ב *Explorations in the History of the Semitic Component in Yiddish*, University of London doctoral dissertation, 2 vols.

1982ג "The Theory of Yiddish and the Max Weinreich Heritage" in *Jewish Frontier* 49 (no. 4/523): 15-24.

1983א "Zur Dialektologie des Jiddischen" in W. Besch et al. 1983: 1018-1041.

1983ב „ייִדיש אין צוועלפֿטן און דרײַצנטן יאָרהונדערט: עווידענץ פֿון העברעאישע און אַראַמישע כּתבֿ־ידן", רעפֿעראַט אויף דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפֿערענץ פֿאַר דער פֿאָרשונג פֿון דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור, אָקספֿאָרד, 10-15 יולי.

1985א "Hebrew, Aramaic and the Rise of Yiddish" in Fishman 1985: 85-103.

1985ב „צו דער עלטסטער דיאַלעקטאָלאָגיע פֿון אַשכּנז: ייִדיש און ניט־ייִדיש אין

מיטלעלטערישע העברעאישע כּתבֿ־ידן", רעפֿעראַט אויפֿן ערשטן יערלעכן אָקספֿאָרדער ווינטער סימפּאָזיום איבער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור בײַם אָקספֿאָרדער צענטער פֿאַר העכערע העברעאישע שטודיעס", 15-17 דעצעמבער 1985.

1986א „היסוד השמי ביידיש: ירושה מימי קדם" אין *הספרות* (35-36), 3-4: 228-251.

1986ב "On Yiddish, In Yiddish and For Yiddish: 500 Years of Yiddish Scholarship" in Gelber 1986: 23-36.

1986ג „יוסף הערצעס *אסתר*: צענטראַל־מערבֿ יידיש אין פֿירט" (יידישער אָריגינאַל מיט הערמאַן זיסעס איבערזעצונג אויף דײַטש) אין *Nachrichten für den jüdischen Bürger Fürths*, סעפּט 1986: 20-27.

1987א "Preface. On the First Winter Symposium" in Katz 1987b: 1-5.

1987ב "The Proto Dialectology of Ashkenaz" in Katz 1987b: 47-60.

1987ג (ed.), *Origins of the Yiddish Language. Papers from the First Annual Oxford Winter Symposium in Yiddish Language and Literature*, 15-17 December 1985 [= *Winter Studies in Yiddish*, 1], Pergamon: Oxford.

1988א "Origins of Yididsh Dialectology" in Katz 1988b: 39-55.

1988ב (ed.), *Dialects of the Yiddish Language. Papers from the Second Annual Oxford Winter Symposium in Yiddish Language and Literature, 14-16 December 1986* [= *Winter Studies in Yiddish*, 2], Pergamon: Oxford.

1988ג "Protolanguage Theory: The Case of Yiddish", paper presented to the Seminar in Linguistics and Philology, St Hugh's College, Oxford, 17 May 1988.

1990א רעצענזיע איבער פֿרייקס 1989 אין *Journal of Jewish Studies*, 41.1: 140-141.

1990ב „די עלטערע יידישע לעקסיקאָגראַפֿיע: מקורות און מעטאָדן" אין אָקספֿאָרדער יידיש 1: 161-232.

1991א "The Children of Heth and the Ego of Linguistics" in *Transactions of the Philological Society* 89: 95-121.

1991ב "A Late Twentieth Century Case of *katoves*" in Kerler 1991: 141-163.

אין דרוק א "East and West, *khes* and *shin*, and the Origin of Yiddish" in I. Bartal, E. Mendelsohn, C. Turniansky (eds.), [title to be announced]: Jerusalem.

אין דרוק ב "The Phonology of Ashkenazic" in L. Glinert (ed.), *Hebrew in Ashkenaz*, Oxford University Press: Oxford.

קינג, ראָבערט ד.

1979 Robert D. King, "The Evidence of the German Component", paper placed before the First International Conference on Research in Yiddish Language and Literature, Oxford, 6-9 August.

1986 "Migration and Linguistics as Illustrated by Yiddish", Indo-European IREX Conference on Comparative Linguistics, University of Texas at Austin, 4-6 November.

קערלער, דובֿ־בער

1988 Dov-Ber Kerler, *The Eighteenth Century Origins of Modern Literary Yiddish*, University of Oxford doctoral dissertation [forthcoming in Oxford University Press monograph series].

1990 „די התחלות פֿון דער מאָדערנער ליטעראַטור־שפּראַך" אין *אָקספֿאָרדער ייִדיש* 1: 271-316.

1991 (ed.), *History of Yiddish Studies* [= *Winter Studies in Yiddish*, 3], Chur.

שמערוק, חנא [= שמרוק, חנא]

1978 *ספרות יידיש: פרקים לתולדותיה*, המכון הישראלי לפואטיקה ולסמיוטיקה ע"ש פורטר: תל אבֿיבֿ [=*ספרות, משמעות, תרבות* 5].

1988 *פּרקים פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור געשיכטע*, ייִדיש־אָפּטיילונג, העברעאישער אוניווערסיטעט און פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ: תל אבֿיבֿ.

אָקספֿאָרדער ייִדיש

# *OKSFORDER YIDISH*
# A YEARBOOK OF YIDDISH STUDIES

## II

**Edited by**
**Dovid Katz**

harwood academic publishers
in cooperation with the
Oxford Centre for Postgraduate Hebrew Studies

ISBN 3-7186-5206-4
ISSN 1044-3614